# „דער דײַטש".

## 1.

„יִפּטאָכ אין זײַן צײַט איז ווי שמועל אין זײַן צײַט". אויב פריִער, בעשאס דער אקציז פון בראָנפּ: איז געווען אין ארענדע בא איינעם פון אונדזערע יִדישע געלטזועק, און יענער האָט געזעצט אָנגעשטעלטע און אוועקגעשטעלט אײַנמאָנער און אקציזניקעס אומעטום, ווו ער איז געווען באלעבאָס, — אויב אין יענער צײַט איז דער אקציזניק געווען פארעכנט אלס איינער פון די, וואָס שאפן דאָס ליכט פון דער אופקלערונג און דאָס נײַע לעבן, ווו זיי קומען, — איז דאָך א קאָמיסיִאָנער אוואדע דער, וואָס טוט גרויסע זאכן און מאכט נײַסן אין יענע טעג און אין הײַנטיקע צײַטן צווישן אונדזערע ברידער, וואָס זײַנען געזעסן אין כוישעך און פינצטערניש אין איינער פון די פארוואָרפענע שטעט, וואָס אין אונדזער ברייטן גרויסן לאנד. אויב מײַנע ווערטער זײַנען ניט ביז גאָר ריכטיק בענעגייע אלע קליינע שטעטלעך, ווו אונדזערע ברידער רוען, וועט איר דאָך מיר גלייבן, וואָס מײַנע אייגענע אויגן — ניט קיין פרעמדע — האָבן צוגעזען, אין מײַן שטאָט מאזעפעווקע. אין דער דאָזיקער ליבווידיקער שטאָט האָט איין קאָמיסיִאָנער אָפּגעטאָן אסאך און האָט געבראכט מיט זיך פיל נײַע זאכן, צווישן זיי אי גוטס,



אי שלעכטס, און איינער פון די טאטן פון דעם דאָזיקן מאן זײַנען ווערט פארשריבן צו ווערן אפ צו געדענקען אין א בוך.

דער ערשטער קאָמיסיִאָנער, וועלכער איז אראָפּגעקומען צו אונדז קיין מאזעפעווקע, איז געווען באוווסט בא די אײַנוווינער פון שטאָט מיטן צונעמען „דער דײַטש", און דער דאָזיקער „דײַטש" איז געקומען אין שליכעס פון א גרויסן האנדל־הויז פון טווע אין דײַטשלאנד פון די ברידער די שוטפים... איך געדענק ניט גוט — צי „שימען און לייווי" אָדער „לייווי און שימען". און ווי נאָר ער איז געקומען אין שטאָט, האָט ער ארײַנגעבלאָזן א לעבעדיקן אָטעם און אן ענערגישע באוועגונג אינעם טוווע־האנדל אין שטאָט און האָט פארצווײַגט און פארגרעסערט דעם דאָזיקן געביט ביז גאָר, אזוי אז פאר פיל פון די מאזעפעווקער איז דער „דײַטש" געווען א קוואל פון יעשועע, און ס'איז זיי, אדאנק אים, געוואָרן פרײַער, וואָרעם דורך אים האָבן זיי געקראָגן ארבעט און כאיונע, פארנאָסע און א גוט פארדינסט, און אלע האָבן אים ליב געהאט און געערט און גערימט אין זייערע רייד.

אָבער אונדזער ליבשאפט צום „דײַטש" האָט געשטיגן ביז צום העכסטן שפּיץ, אז מיר האָבן אים דערזען פלוצעם און אומגעריכט אין שול! יאָ, מע איז געווידע געוואָרן: ס'איז אונדזערער א ברודער, א יִיד פון אווראָהאָם, יִיצכאָק און יאנקעווס קינדער, ווי איך מיט אײַך! און ביז דאן האָבן מיר ניט געוווסט ניט דעם מענטשן, ניט זײַן שפּראך, וואָרעם ער פלעגט רעדן צו אונדז אפ דײַטש, און און ניט אפ יִדיש, דײַטש און ניט זשארגאָן, מיט פאסעכן און ניט מיט קאָמעצן, און דעריבער האָבן מיר אויך געמוזט באנוצן זיך אין אונדזער שפּראך מיט א „פאסעך" אומעטום, ווו דער גרונטלייגער פון דער שפּראך הייסט רעדן מיט א „קאָמעץ", און מיר פלעגן אלע רעדן דײַטש, מיט אונדזער „דײַטש", ביז עס איז אונדז אנטפלעקט געוואָרן די געהיימניס אינעם גרויסן און פאָרכטיקן טאָג יאָנקיפּער — ווי נאָר דער „דײַטש" איז ארײַנגעגאנגען אין שול ארײַן, איז ארויס דער סאָד.

— יאָ, ס'איז פאַראַן טאַקע אַ גאָט אויף דער וועלט! — האָבן די מאזעפּעווקער לייצים אָנגעהויבן אָפּלעצעווען פון אים, — ווי נאָר עס האָט זיך אים פאַרגלוסט געפינען אַ מעכילע, אַ פאַרגעבונג און אַ קאַפּאָרע פאַר זײַנע זינד און איניינוועגס אויך מאַזקיר־נעשאָמעס־זײַן — איז ער געקומען צו אונדז אין שול!

— יאָ! קיין ייִדישע נעשאָמע קאָן מען ניט באַקלערן, — האָבן זיך אָנגערופן אַנדערע, — כאָטש די באָרד איז בײַ אים אָפּגעראַזירט און די פּייעס אָפּגעשוירן, כאָטש ער איז אַ דײַטש מיט זײַן רעדן, זײַן אָנטאָן און אַלע זײַנע פאָסטעמקעס, אָבער דער שוירעש בלײַבט אויף אייביק. דער ייִדישער פונק ווערט ניט פאַרלאָשן, און מע דאַרף זאָגן דעם עמעס: ער איז אַ ג ו ט ע ר מ ע נ ט ש, כאָטש ער איז אַ ש ל ע כ ט ע ר ייִד...

— ער איז זייער, זייער ווײַט פון ייִדישקײַט!

— צווישן די כסידים קומט ער ניט.

— איך צווייפל זייער, צי ער זיצט טאָג און נאַכט אויף דער טוירע און דער אַווידע.

— און ווי מיר שײַנט, שטייט ער ניט אויף האַלבע נאַכט צו „כצאָס" צו קלאָגן אויפן כורבן און אויפן גאָלעס פון דער שכינע, און קיין „שמורע" אום פּייסעכ עסט ער אויך ניט.

— און פונדעסטוועגן איז ער אַ גוטער מענטש, כאָטש אַ שלעכטער ייִד...

אַזוי האָבן געשמועסט צווישן זיך די מאזעפּעווקער לייצים, צוקוקנדיק זיך פּרייליכ און אויפגעלייגט צום „ייִדישן דײַטש", אָדער צום „דײַטשישן ייִד", און האָבן נאָך מער געזוכט זיך צו דערנעענטערן צו אים.

און דער קאָמיסיאָנער פון זײַן זײַט האָט אויך אַרויסגעוויזן סימאָנים, אַז ער וויל זיך דערנעענטערן צו אונדז און נאָכן פאַל פון זײַן קומען יאָנקיפּער אין שול אַרײַן, האָט ער זיך אָנגעהויבן מיסקאַרעווען זײַן צו אונדז, זיך אָנגעדונגען אויף עסן שטענדיק בײַם ייִדן רעב שאַבסע דער באַל־אַכסאַניע אָנשטאָט דעם, וואָס



ביז אַהער האָט ער זיך פאַרומרייניקט מיט טרייפענע מײַכאָלים. און באַלד נאָך דעם האָט ער געטאָן נאָך מערער, וואָרעם ער האָט זיך אויך איבערגעצויגן צו וווינען בײַ רעב שאַבסע באַל־אַכסאַניע. און כאָטש פון איין זײַט האָט דער קאָמיסיאָנער געהאַט פיל צאָרעס און טרויער אין זײַן נײַער דירע, איבער די פאַרשאָלטענע וואַנצן, וואָס אַמאָל גייט אין זיי אַרײַן אין מאזעפּעווקע אַ שיגאָען און זיי ווילדעווען ביז גאָר, ווי וועלף, וואָס שפּירן נאָך רויב, — איז אָבער פון דער אַנדערער זײַט געווען דעם „דײַטש" דאָס לעבן בײַ רעב שאַבסען זייער אָנגענעם, און זײַנע טעג זײַנען געפלאָסן ווי אַ טײַך אין גאַניידן. וואָרעם אָט דער רעב שאַבסע איז געבענטשט געוואָרן מיט פיר טעכטער, זייער שיינע מיידלעך, (אַצינד שוין, ווי איז זיי, זײַנען זיי אין דער אַרבעט בײַ די מ ע נ ע ר און זיי האָבן שוין געבוירן אָן אַ צאָל קינדער, און זיי זיצן פון אינדערפרי ביז אָפּדערנאַכט אין קלייט, און זייער שיינקײַט איז שוין פאַרדאָרבן געוואָרן). עס קען זייער זײַן, אַז דעם „דײַטשס" האַרץ האָט זיך געצויגן נאָך די דאָזיקע כיינעוודיקע מיידלעך און ער האָט געגלוסט נאָך זייער שיינקײַט, נאָך איידער ער האָט זיך איבערגעצויגן צו רעב שאַבסען, און דאָס קאָן אויך זײַן (איך וועל אײַך ניט שווערן, אַז איך האָב צוגעטראָפן צום עמעס און ניט פאַרפעלט), אַז דאָס איז די סיבע, וואָס דער „דײַטש" האָט איבערגעלאָזט אַ שיינעם, אַ ריינעם און אַ גערוימען צימער אינעם ערשטן האָטעל אין מאזעפּעווקע, און איז אַוועק וואָגלען אין אַן ענגן צימער, ווי אַ הינערשטײַג, פול מיט געשטאַנק און מיט קויט, בײַ רעב שאַבסע באַל־אַכסאַניע אין שטוב; און אָט דער צימער איז געווען אַ רוּאָרט פאַר כאַיאָלעס פון פּרוסאַקעס, וואַנצן, קאָמאַרן און אַ מענגע מײַז און קאָלאַמינע שראָצים, וואָס פלעגן באַנאַכט אַרויס פון זייערע לעכער און אַרומרינגלען דעם „דײַטש" פון אַלע זײַטן און פירן מיט אים מילכאָמע און אַרומשפּאַצירן אינדערלענג און איבערבריייט איבערן צאַרטן, קלאָרן און ווײַסן לײַב. איך כאַזער

איבער מײַנע ווערטער: איכ שווער אײַכ אויכ ניט, אז וואָס כ'האָב געזאָגט, איז ריכטיק, אונ עפשער איז עס גלאט אזוי אנ האשאָרע, א פאלשע פאנטאזיע; נאָר דאָס ווייס איכ אפ געוויס, אז רעב שאבסעס טעכטער זײַנענ דעמ „דײַטש" זייער אונ זייער געפעלנ, אסאכ מער איידער רעב שאבסע גופע, וואָס האָט ביט־מימעס געגלייבט, אז דער קאָמיסיאָנער האָט זיכ צוגעבונדנ צו אימ, צו רעב שאבסענ, מאכמעס זײַנ געשיקטקײַט אונ זײַנ גרויסנ פארשטאנד אינ די דינימ פונ מיסכער אונ אינ טאָכ פונ געשעפט־זאכנ, — אינ דער צײַט וואָס איינ לײַכט שמייכעלע פונ דער יינגסטער טאָכטער מ א ל ק ע איז טײַערער געווענ באמ קאָמיסיאָ־נער מער ווי זיבנ אונ זיבעציק אזעלכע געשיקטע סאָכרימ, ווי רעב שאבסע, איינינעמ. וואָרעמ מאלקע האָט אימ געפאנגענ דאָס הארצ מיט איר שיינ פּאָנעמ, וואָס איז פול מיט באצויבערנדיקנ כיינ, מיט אירע שווארצע אויגנ, וואָס גלאנצנ ווי דימענטנ, מיט איר שטענדיקער פריילעכקײַט אונ איר כיינעוודיקנ ריידנ... נאָר וואָס טויג אסאכ צו רעדנ? ניט נאָר מאלקע אליינ, נאָר אלע טעכטער רעב שאבסעס, אלע איינינעמ, זײַנענ געפעלנ געוואָרנ דעמ דאָזיקנ הער, אלע האָבנ זיי געפאנגענ זײַנ הארצ; אונ מיט א פולנ מויל קאָנענ מיר איידעס זאָגנ, אז דער קאָמיסיאָנער איז ארײַנגעפאלנ אינ דער נעצ פונ ליבע צו אלע פיר טעכטער פונ רעב שאבסע באל־אכסאניע — פיר ליבעס אינ איינ הארצנ.

אָבער צי האָט דענ נאָר רעב שאבסע באל־אכסאניע פארמאָגט שיינע טעכטער? אונ רייזעלע רעב שאָלעמ־סימכעס טאָכטער איז דענ געווענ א מיעס מיידל? אָדער רעב פרויעמ־דאָוויד דעמ רויטנס טאָכטער האָט מענ ניט געדארפט מיט רעכט האלטנ פאר א קראסאוויצע? אונ די איבעריקע שיינע מיידלעכ — איז דענ ווייניק געווענ זייער צאָל אינ מאזעפעווקע? צו אלע האָט דעמ „דײַטשס" הארצ געפילט אנ אָפענע ליבע; אָבער צי איז אימ אויכ אָפּגעענטפערט געוואָרנ מיט ליבע? דאָס איז א פראגע, וואָס עס איז שווער צו געפינענ איר דערלייזונג. אויב מיר זאָלנ גלייבנ דאָס,



וואָס זײַנ מויל זאָגט איידעס, האָט ער זייער האצלאָכע געהאט אונ געמאכט דערפאָלג צווישנ די שיינע מיידלעכ אינ מאזעפעווקע. אָט דאָס זײַנענ דאָכ זײַנע ווערטער אינעמ בריוו, וואָס ער האָט איינמאָל געשריבנ צו איינעמ פונ זײַנע כאווײרימ אינ דײַטשלאנד:

„אינ דער הויפט־קאָנטאָר פונ די ברידער „שימענ אונ לייווי".

צומ הער דער אונ דער.

טײַערער הער אונ כאווער!

אלס דערגאנצונג צו מײַנ בריוו פונעמ 1־טנ דעמ כוידעש, ווו כ'האָב געהאט די ערע מודיע צו זײַנ דעמ האנדל־הויז, אז ס'איז דאָ פאראנ א גוטע האָפענונג אינ דעמ אָרט אפ אסאכ טווועע, די זאנגענ זײַנענ פול אונ גוט, די רעגנס גייענ אינ דער צײַט, די פרײַזנ פונ דער טווועע שטייט אפ איינ אָרט אומגעוואקלט, דאָ איז א ברייטער פלאצ פאר גוטע געשעפטנ א. א. וו. — אלס דערגאנצונג צו דעמ אלעמענ בינ איכ דיר מודיע דאָס מאָל אויכ אייניקע זאכנ וועגנ זיכ: איכ לעב דאָ אינ שטילער רו אונ פיל זיכ גוט; די יידנ, וואָס וווינענ אינ דער שטאָט, כאָטש די פינצ־טערניש דעקט זיי נאָכ צו אונ זיי פארגעטערנ יעדער אלטווארג, כאָטש זיי זײַענ נאריש, ווי בעהיימעס אינ פעלד, ווי ווילדע אינ דער מידבער, זײַנענ זיי אלע... פונדעסטוועגנ האָבנ זיי טעכטער — וואָס זאָל איכ דיר זאָגנ, מײַנ פרײַנט — צוקער זיס! א פארגעניגנ אָנצוקוקנ. אונ זיי יאָגנ זיכ נאָכ ליבע, ווי א נארישע טויב, אונ אלע איינינעמ האָבנ מיכ ליב — מעשוגע צו ווערנ, אונ איכ שווימ אינ דער דאָזיקער שטאָט, ווי א פײַנקוכנ אינ פוטער... מײַנ טרײַע אייצע דיר, טײַערער כאווער, אויב דו ווילסט לעבנ, קומ אראָפ בא א געלעגנהײַט אינ דעמ דאָזיקנ גלוסטיקנ לאנד, קומ, קומ אהער אינ פעטנ ווינקעלע ארײַנ, וועסטו געפינענ פארגעניגנ... אוי, פארוואָס האָב איכ זיכ געכאפט?.. נאָר לאָמיר זיכ ניט קלאָגנ: איכ בינ דאָ פרײַ, אָנ א מילשטיינ אפנ האלדז, אונ ווי א טײַכ פונ גאניידנ, פארגייענ מײַנע טעג אינ אָט דער שטאָט! — — —

און די פּאָטערס און די זין, זע איך, גייען מיר נאָך, ווי א קו— א קאַלב, און אַלצדינג, וואָס איך לאָז ארויס פונעם מויל, איז בא זיי הייליק, וואָס הייליק הייסט!.. א. א. וו.״

.2

כ׳וועל ניט ארויסטראָגן קיין אורטייל: קאָן זײַן, אז ס׳איז דאָ איבעריקס אין דעם דאָזיקן בריוו, און דער „דײַטש״ האָט עפּשער איבערגעכאַפּט די מאָס, באַרימענדיק זיך פאַר זײַן כאַוועր; נאָר קיין צווייפל ניט, אז אביסל עמעס איז דאָ פאַראַן. די ייִדן אין מאַזעפּעווקע, ווי די איבעריקע ברידער אונדזערע אין אַלע לענדער פון דער וועלט, זײַנען, נאָך דער טעווע נאָך, גרינג אָפּ צו ווערן ניספּאָעל און אויפגערעגט, און זייער האַרץ איז ווי טריוואַקס גרייט אָנצונעמען יעדער קריץ און יעדע נײַע פאָרמע. דער „גוטער דײַטש״ האָט אומבאַמערקט געפלאַנצט די צווײַג פון דער האַסקאָלע אין מאַזעפּעווקע; אַלע האָבן מיר דאָך געפילט צו אים ליבע, קאָוועד און אַכטונג, און דאָס אַליין איז געווען גענוג, אז מיר זאָלן וועלן אים געפעלן ווערן, צו טאָן זײַן באַגער, און נאָכצומאַכן זײַנע מײַסים און נאָכצוגיין זײַנע וועגן. דער „דײַטש״, כאַווערנדיק זיך מיט אונדז, האָט געלאַכט און געשפּעט פון אונדז, פון אונדזער אָנטאָן, אויפירונג און דעם גאַנצן אויפן פון דערציִונג, און דערמיט האָט ער אונדזערע עלטערן, די פּאָטערס פון אונדזערע קינדער, א שטויס געטאָן אָפּ פאָרויס, אָפּ צוצוקוקן זיך צו זייער לאַגע און צו פאַרשטיין דעם כיטאָרן פון זייער דערציִונג, און בא זיך אין האַרצן האָבן זיי געגעבן געפעלט דעם „דײַטש״, כאָטש מיטן מויל האָבן זיי ניט אויפגעהערט צו לעצעווען פון אים און אָפּצושפּעטן פונעם דײַטשישן נוסעך.

— אויב סאָלגן אים, —האָבן באַשלאָסן די קריטיקער, די לייצאָנעס־טרײַבער און ווערטל־זאָגער, — אויב נאָר סאָלגן אים,



דאַרפן —מיר געבן א גאָט אונדזער דאָס און אונדזער גלויבן.

— אָט דער „דײַטש״ דאַרשנט שיין, ער וויל, מיר זאָלן מאַכן אונדזערע קינדער אויך פאַר „דײַטשן״.

— ...און ס׳וועט ארויס פון זיי א דאָר פרומע און טמימעסדיקע ייִדן, וואָס מיט זיי וועט זיך באַרימען דאָס גאַנצע פאָלק ייִסראָעל!

— לאַמדאָנים, מופלאָגים, טאַנאָים, ערלעכע און גאַנצע ייִדן א. א. וו.

פונדעסטוועגן זײַנען צוליב דעם קאָמיסיאָנער אויפגעשטאַנען בא אונדז נײַער לעזער, און צוליב די לעזער זײַנען בא אונדז אויסגעוואָקסן נײַע ביכלעך... אָבער איך כאַפּ זיך זייער, און מײַן פען לויפט פאָרויס, און איך וויל ניט אויסמאָלן מײַן שטאָט מאַזעפּעווקע ווי זי איז איצטער, נאָר ווי איך
1868 געשטאַלט איז געווען פריִער, אין מײַנע יונגע יאָרן, פופצן אָדער צוואַנציק יאָר צוריק.

[בעכיין, זייער ריכטיק איז דאָס ווערטל „ניטאָ קיין שלעכטס אָן קיין גוטס״. איבער דעם דאָזיקן „דײַטש״ איז ארויסגעקומען, אז ס׳איז אביסל דערהויבן געוואָרן די לאַגע פון א מאַזעפּעווקער, און דורך אים האָבן זיי זיך אויפגעכאַפּט פונעם שטאַרקן שלאָף און אָנגעהויבן צו עפענען די אויגן און דערזען, אז זיי זײַנען נאַקעטע, אָבער ס׳איז דורך אים געקומען אסאַך שלעכטס. די זיטן די מאַזעפּעווקער זײַנען אביסל אראָפּ איבער די ליבעט, וואָס דער קאָמיסיאָנער האָט שטענדיק געפירט, און איבער שאַבסע באַל־אַכסאַניעס מיידלעך און די איבעריקע שיינע און לײַכטזיניקע מיידלעך אין מאַזעפּעווקע! אָ! די דאָזיקע „ליבע־יעסורים״ האָבן געבראַכט פיל שטרויכלונגען בא אונדז, וואָרעם פון אים האָבן זיך געלערנט און אים נאָכגעטאָן אַנדערע באָכערים און מיידלעך, ווי נאָך א פרעמדן גאָט, וואָס הייסט „אמור״, און האָבן געליבט און געטאָן נאַרישקײַטן, — און ניט איינע פון די ייִדישע טײַערע טעכטער האָט פאַרלאָרן איר אומשולדיקײַט, איר שאַץ; ס׳איז טונקל געוואָרן די ריינ־

קײַט פון מאזעפעווקער מיידלעכ, זיכ געענדערט דער גוטער גינגאָלד, וואָס מיט אים פלעגט זיכ דאָס יידישע פאָלק פון טאָמיד אָנ בארימען! און ווער ווייסט צו וואָס עס וואָלט געקומענ, ווענ ס'וואָלט זיכ ניט געטראָפנ דער פאל, וועגנ וועלכנ ס'וועט זיכ דערוויסנ דער לייענער אינ די ווײַטערדיקע קאפיטלענ.

.3

ווער איז געווענ דער דאָזיקער „דײַטש" און פונוואנענ שטאמט ער? די דאָזיקע וויכטיקע פראגע האָט ניט שטארק אָנגערירט די נײַגעריקע מאזעפעווקער, וואָס פונ שטענדיק אָנ זײַנענ זיי געווינט צו כאקרענענ זיכ טיפ און דערגרונטעווענ זיכ צו יעדער זאכ; דאָס מאָל האָבנ זיי אײַנגענומענ דעם יעצער־האָרע, אָנ צווייפל, דערפאר, ווײַל זיי האָבנ געאכטעט דעם קאָמיסיאָנער, וואָס האָט מיט זײַנ פראכט צוגעדינט גאנצ מאזעפעווקע, און זיי האָבנ זייער געגלייבט אינ אים. נאָר איינ זאכ איז זיי געווענ אומפארשטענדלעכ, האָט געוויבט זייער רו אינ ניט געלאָזט שלאָפנ: דער „דײַטש" איז שוינ א מאנצבל אינ די יאָרנ, און איז נאָכ ניט קיינ באוויַיבטער! פארשטייט זיכ, אז די שטאָט־לייצים, די מאזעפעווקער כאכאָמימ, וואָס קריטיקירנ יעדער זאכ, האָבנ ניט געקאָנט דאָס איבערטראָגנ און האָבנ גערעגנט מיט שטעכ־ווערטלעכ אפנ אומגליקלעכנ „דײַטש" בייסנ זיצנ אינײינעם אינ שול, אָדער שפאצירנדיק מיט כאווײרים אינ מארק מיט די שטעקעלעכ אינ די הענט.

— דער „דײַטש" איז טאקע זייער א יונגער באָכער, נאָכ ניט צײַט צו דער כופע.

— א באָכער ווי ס'דארפ צו זײַנ...

— ווענ ער זאָל זיכ ניט אָפגאָלנ די באָרד...

— לאָזט אים צורו, ער איז נאָכ א יונגער באָכער, א קינד, וואָס האָט נאָכ ניט פארזוכט דעם טאמ פונ אנ אווײרע.



— א פיצל קינד, א זויג־קינד!

— א גרויסער בײַשנ — ניטאָ זײַנ גלײַכנ!..

א.א.וו., א.א.וו.

אָבער ניט מיט דעם האָבנ זיכ פארנומענ די בראווע לײַט, וואָס זייער געשעפט איז — פאָרנ פאָרלעכ; די שאדכאָנימס אינטערעסנ איז ניט געלעגנ באמ לאכנ און שפעטנ; די דאָזיקע מענטשנ האָבנ זיכ אפדערעמעסנ און מיטנ גאנצנ ערנסט גענומענ זאָרגנ פאר זײַנ טאכלעס און רעדנ אים שידוכימ פונ אלע פיר עקנ וועלט און בריוו צושיקנ וועגנ אים צו אנדערע שאדכאָנימ, און האָבנ אים געהויבנ ביז צום הימל און דערציילט זײַנ גרויסקײַט און שיינקײַט אינ שיינע און שטארקע מעליצעס. אָט איז פאר אײַכ א בריוו, וואָס דער מאזעפעווקער שאדכנ, רעב קאלמענ, האָט געשיקט צו רעב זאלמענענ דעם גאָנטאיערסקער שאדכנ.

„פרידנ און פונ גאָט א גוטע מאראָכע זאָל זײַנ אָנגעגרייט צו זײַנ געערטנ לײַבלעכנ פרײַנט, דעם געלערנטנ, דעם נאָגיד מופלעג, דעם בארימטנ אאוו, אאוו. רעב זאלמענ, זײַנ ליכט זאָל לײַכטנ און שײַנענ, ווי די זונ פונ מיזרעכ־זײַט, אָמיינ אפ אייביק!

ערשטנס, קומ איכ אײַכ מעלדנ, אז איכ און מײַנ ווײַב זײַנענ געזונט אאוו... און צווייטנס, וואָס איז נעגייע דעם איניענ, וואָס איר שרײַבט מיר, אז איכ זאָל אײַכ שרײַבנ אלצדינג און יעדער זאכ וועגנ געערטנ כאָסנ, וואָס איכ האָב פאָרגעשלאָגנ פארנ גערימטנ און געערטנ גוויר פונ אײַער שטאָט, דעם נאָגיד רעב לעמל, קומ איכ אײַכ מודיע זײַנ און טאָנ אײַער באָגער מיט פיל סימכע און פרייד, וואָרעמ ס'איז פאר מיר קלאָר ווי דער טאָג, אז אויב דער גוויר אײַערער וועט דערהערנ די דאָזיקע וויכטיקע זאכנ, וועט ער זיכ אָנכאפנ פאר דעם שידעכ מיט ביידע הענט און וועט קריגנ מאמעש א מעציע, וואָרעמ אזא כאָסנ איז זעלטנ צו געפינענ, און ניט יעדנ

טאָג טרעפט זיכ אזא ווי דער „דײַטש“ — דער קאָמיסיאָנער, וועלכנ איכ לייג אײַכ פאָר. פריִער פאר אלצ שטאמט דער דאָזיקער „דײַטש“ פונ וואושנע עלטערנ, ייִכעסדיקײַט — פונ א געהויבענער אונ גרויסער ייִדישער פאמיליע, אונ כוצדעמ איז ער א שטאר־קער גוויר אונ ער אליינ איז אנ אינספעקטאָר איבער אלע גע־שעפטנ פונ די ברידער די שוטפימ, וואָס זײַנענ באוווסט אינ דער גאנצער וועלט, „שימענ אונ לייווי“, אונ ער טוט גרויסע מיסכאָרימ בא אונדז אפ גרויסע סומעס געלט, וואָס ער שפּרייט ווי אש צווישנ די סאָכרימ פונ אונד־זער שטאָט. אונ ס'וואָלט געווענ א גרויסער וווּנדער, ווענ ער האָט ניט ווייניקסטנס כאָטש ביז צענ טויזנט רובל, אונ געוויס האָט ער אסאכ מאָל אזויפיל מער; אונ מיר רעדנ שוינ ניט וועגנ געצאָלטס, וואָס ער באקומט פונ דער אויבנ־דערמאָנ־טער פירמע פאר זײַנ ארבעט דאָרט. ווי קאָנ זײַנ, אז ער זאָל באקומענ ווייניקער ווי דרײַ טויזנט רובל א יאָר? אונ דאָס איז גרינג צו זענ אונ צו דערקענענ פונ זײַנ אויפנ לעבנ, וויאזוי ער לעבט ווי א גראפ, וואָרעמ וואָס איז בא אימ א קערבל, אָדער אפילע צענ קערבלעכ? אָבער ער פאטערט ניט, כאסוועשאָלעמ, זײַנ געלט, וואָרעמ ער לעבט באשיידנ אונ פירט זיכ שטיל אונ פרײַנטלעכ מיט יעדנ מענטשנ. ער איז אויכ א שיינער יונג אונ א קראסאוועצ אפ צו רימענ, הויכ ווי א צע־דערבוימ, וואָס וואקסט אפנ בארג לעוואָנענ, ער מעג שטיינ פאר קייסאָרימ, אונ ער איז נאָכ ניט אלט קיינ פינפ אונ צוואנ־ציק יאָר, אונ ווי קאָנ ער זײַנ עלטער פונ פינפ אונ צוואנציק יאָר, אז ער איז א באָכער, ווי א צעדערבוימ? וואָרעמ אפילע די גרויסע אריסטאָקראטנ אפ דער וועלט זיצנ ניט אָנ א ווײַב עלטער פונ פינפ אונ צוואנציק יאָר, אונ ס'איז אנ אלטע מײַ־סע. נאָכאמאָל, פרײַנט מײַנער, רעב זאלמענ, איר קאָנט דאָכ מיכ ניט פונ נעכטנ אונ אייערנעכטנ, דאנקענ גאָט, שוינ אסאכ יאָרנ, וואָס מיר לעבנ אפ דער וועלט, אונ איכ בינ ניט פונ



יענע שאדכאָנימ, וואָס פירנ צונויפ א וואנט מיט א וואנט אונ דעמ בארג גריזימ מיטנ בארג איוואָל, איכ קומ ניט צווישנ זיי; אונ אויב איכ זאָג אײַכ, קאָנט איר זיכ פארלאָזנ אפ מיר אונ אפ מײַנע ווערטער, אז אײַער גוויר וועט ניט געפינענ פאר זײַנ טאָכטער אזא גוטנ כאָסנ, אפילע ער זאָל געבנ הונדערט טויזנט רובל, אונ צווישנ אונדז גערעדט איז דאָכ אײַער גוויר רעב לעמלס טאָכטער שוינ פונ לאנג א מיידל אפ אויסצוגעבנ, אונ זי איז געווענ אינ די יאָרנ נאָכ צוריק מיט צענ יאָר אָדער מערער, אונ פונ איר שיינקײַט אונ כיינעוודיקײַט האָבנ מיר עפּעס ניט געהערט, אונ אז מיר וועלנ נאָכ צוגעבנ דערצו דעמ גוויר רעב לעמלס ייִכעס, וואָס אלע ווייסנ, אז זײַנ פאָטער איז געווענ א גרויסער אמהאָרעצ אונ געהאנדלט מיט פערד אונ גע־כאוועדט זיכ מיט אלע באלעגאָלעס, אונ אצינד אויכ, נאָכדעמ ווי די האצלאָכע האָט אימ צוגעשפּילט, איז ער א דאָווער־אכער, וואָס ס'איז ניטאָ זײַנ גלײַכנ — דער שפּיצ איז — איר פאר־שטייט דאָכ, אז דער שידעכ איז פונ גאָט אליינ; אקלאל, רעב זאלמענ, מײַנ פרײַנט, זײַט זיכ מישטאדל בא אײַער גוויר אונ אײַלט אײַכ צו ענדיקנ דעמ איניענ גוט, אונ אויב ס'איז פונ גאָט, זאָל עס זײַנ אינ א גוטער מאולדיקער שאָ, וואָרעמ עס גייט די טעג פונעמ הייליקנ יאָנטעוו, אונ איכ האָב נאָכ אפילע קיינ מאצעס ניט צוגעגרייט, איז ווענ וועל איכ עפּעס טאָנ פאר מײַנ הויזגעזינד אויכ, אונ די נויט, באאווינויסיינו האָראבימ, איז גרויס, אונ וואָס איז שײַעכ דעמ כאָסנס נאָמענ, איז ער הענריכ פרײַפויגל.

מער קיינ נײַס איז ניטאָ, זאָל נאָר גאָט געבנ געזונט אונ לעבנ, ווי עס ווינטשט אײַכ אײַער פרײַנט, וואָס גריסט אײַכ אונ אײַער גאנצ הויזגעזינד אונ וואַרט אפ אײַער געהויבענער טשוווע.

פונ מיר קאלמענ בערעב לייווי שאדכנ, דאָ
אינ דער הייליקער שטאָט מאזעפעווקע“.

נאָכדעם ווי ער האָט אוועקגעשיקט די דאָזיקע מעגילע אונ באקומענ אפ איר א געהעריקנ ענטפער פונ זײַנ טײַערנ רעב זאלמענ, האָט זיכ רעב קאלמענ בערעב לייווי זייער פארגלוסט א שמועס צו טאָנ מיטנ „דײַטש“ אונ אימ א פרעג טאָנ וועגנ איינער זייער א וויכטיקער זאכ. אינ דער צײַט האָט דער „דײַטש“ געגעסנ מיטיק צוזאמענ מיט רעב שאבסע דעמ באל־אכסאניעס גאנצ הויזגעזינד, אונ אזויווי א קייסער בא זיכ אינ פאָלק, איז דער קאָמיסיאָנער זיכ געזעסנ מיט די פיר טעכטער, אונ צווישנ זיי האָט געגלאנצט די שיינע מאלקע, וועלכע האָט געפאנגענ דעמ גאסט מיט אירע שווארצע אויגנ.

— ברוכים האיוישווים! — האָט געזאָגט רעב קאלמענ, ארײַנקומענדיק אינ שטוב ארײַנ, אונ זיכ אוועקגעזעצט אפנ עק באנק אינ שטוב אינ א ווינקעלע.

— באָרוכ האבאָ! — האָבנ אלע אינ שטוב געזאָגט מיט איינ קאָל, כוצנ „דײַטש“, וואָס האָט געקוקט אפ מאלקענ מיט אויגנ, פול מיט ליבע.

— עסט געזונט! — האָט פארענדיקט זײַנ גרוס רעב קאלמענ, — אונ איכ האָב א נייטיקע זאכ צו זאָגנ דעמ הער קאָמיסיאָנער, א סאָד...

— מיר ווייסנ די סוידעס! — האָט זיכ שטאָלצ אָנגערופנ צו אימ דער קאָפ פונ דער פאמיליע, רעב שאבסע אליינ מיט זײַנ קאָוועד.

— אז ווער זאָגט דענ, אז איר ווייסט ניט? — האָט אימ אָפגעענטפערט רעב קאלמענ אונ ארײַנגעטאָנ די הענט אינ קעשענע ארויסצונעמענ זײַנ פעקל בריוו; אויב קיינ סוידעס איז דאָ ניט פאראנ, איז פאראנ דאָ א וויכטיקער איניענ; אונ איכ בינ געקומענ אצינד פאָרלייענענ דעמ בריוו.

— לאָז שוינ צורו אונדזער קווארטיראנט! — האָט רעב שאבסע איבערגעשלאָגנ רעב קאלמענענ די רייד מיט ביטל, — אונדזער



קווארטיראנט האָט דאָכ דיר שוינ וויפל מאָל געזאָגט, אז ער וויל ניט ווערנ קיינ כאָסנ, אונ וויל ניט ווערנ א באווײַבטער, אונ וויל אפילע ניט שמועסנ וועגנ דעמ, אונ דו האלטסט איינס!

— מיר איז א וואונדער צו הערנ אזוינע רייד, רעב שאבסע! — האָט רויִק אָפגעענטפערט רעב קאלמענ, — זייער א וואונדער. דו ווייסט דאָכ, אז אינ מאזעפעווקע וועט דער הער ניט געפינענ זײַנ גלײַכנ אונ דערצו זײַנענ *מיר* דאָכ דאָ אפ דער וועלט אונטערצוזוכנ יעדנ איינעמ א פאסיקע זאכ. זאָג מיר נאָר, טײַערער רעב שאבסע, וואָס וואָלטנ יידישע יינגלעכ אונ מיידלעכ געטאָנ, ווענ ס'וואָלט בא אונדז קיינ שאדכאָנימ ניט געווענ? ענטפער מיר נאָר, רעב שאבסע, אפ דער פראגע, וואָס איכ פרעג דיכ.

— אָבער אז דער קאָמיסיאָנער וויל גאָר ניט קיינ שידוכימ? — האָט אימ רעב שאבסע אָפגעענטפערט אויכ מיט א פראגע.

— ניט דו, רעב שאבסע, דארפסט אזוי רעדנ: אָט, גאָט צו דאנקנ, ביזטו אויכ א פאָטער פונ טעכטער. וועט קומענ זייער צײַט כאסענע צו האָבנ, וועסטו דאָכ זיכ זאָרגנ פאר א כאָסנ, פאר א מאנ, אָדער עפשער ווילסטו זיי אײַנזאלצנ אונ אָפהיטנ בא זיכ אפ אייביק?

— אײַנזאלצנ אָדער ניט אײַנזאלצנ, — האָט די באלעבאָסטע פונ איר זײַט אָפגעענטפערט מיט א בארויגעזנ טאָנ, — זאָל דיר נאָר ניט וויי טאָנ דער קאָפ, רעב קאלמענ, אפ דעמ, וואָס וועט זײַנ מיט מײַנע טעכטער. מיט גאָטס הילפ וועל איכ זיכ אנ אייצע געבנ אָנ דיר אויכ!

די פיר מיידלעכ האָבנ זיכ איבערגעקוקט צווישנ זיכ אָנ ווערטער, אונ מאלקע האָט זיכ פארויטלט, באגעגענדיק זיכ מיטנ קאָמיסיאָנערס אויגנ, וואָס האָט דערבײַ געשמייכלט.

אָט אזוי — כאָטש דער „דײַטש“ האָט געשפילט ליבעס מיט די מאזעפעווקער מיידלעכ, אונ יעדער שיינ ווײַבל האָט אימ געפאנגענ, נאָר מאכנ א לעבנ מיט איינער פונ די אלע געליבטע — צו דעמ האָט ער ניט געהאט קיינ כיישעק, אונ ער האָט פונ

אָנהייב טויזנטער מאָל געמאָלדנ, אז ער איז ווײַט פונ וועלנ נעמענ א ווײַב—ניט אינ מאזעפּעווקע, ניט אינ אנ אנדער שטאָט, אונ האָט ניט געוואָלט מע זאָל מיט אימ שמועסנ וועגנ דעמ. פונדעסטוועגנ האָבנ רעב קאלמענ מיט זײַנע פאָלקנ מיטהעלפער זיכ ניט געפּוילט אונ ניט אופגעהערט זיכ זאָרגנ פאר זײַנ צוקונפט, אונ די לייצימ האָבנ זיכ געוויצלט, אונ די קריטיקער פונ צווישנ די מאזעפּעווקער כאכאָמימ האָבנ אויכ ניט אופגעהערט צו קריטיקירנ דאָס פירעכצ פונעמ „דײַטש", בוידעק זײַנ אלע זײַנע מײַסימ אונ באהאנדלענ זיי.

— אָט אזוי איז דאָכ דער מינהעג בא די „דײַטשנ", אז איידער זיי ווערנ אלט פופציק יאָר, האָבנ זיי פאר קיינ געלט ניט כאסענע!

— זיי זײַנענ טאקע קלוגע, די דאָזיקע „דײַטשנ", קלוגע אונ פארשטאנדיקע לײַט, אונ פלינקע אָנ אנ עק!

— זיי זײַנע די כאכאָמימ, אונ מיר זײַנענ די שויטימ, זיי לעבנ זיכ בעהארכאָווע, אונ מיר האָבנ ביטערע קרעצ, זיי זײַנענ פרײַ פונ יעדער יאָכ אונ יעדער מאקע, אונ מיר טראָגנ אונ לײַדנ ביזיוינעס אונ זידלערײַענ, קלאָלעס אונ בושעס א גאנצנ לעבנ.

נאָכ פיל צײַט האָבנ זיכ געווערטלט מאזעפּעווקער לייצאָנימ איבערנ „דײַטש"—דעמ קאָמיסיאָנער; נאָכ אסאכ מאָל, אָנ א צאָל, האָט דער שאדכנ רעב קאלמענ געשיקט וועגנ אימ בריוולעכ צו רעב זאלמענענ אונ צו די איבעריקע קאָלעגעס זײַנע; אָבער צו אלעמענ איז דאָ א גרענעצ אונ צו יערער זאכ אנ עק, אונ צו דעמ איז אויכ געקומענ אנ עק—אנ עק, פול מיט טרויער אונ געלעכטער, מיט ווונדער אונ מיט א קאָנפוז אינײנעמ, א ווונדערלעכער עק, וואָס האָט א קנאק געטאָנ, ווי א דונער אינ א העלנ טאָג, איבער די מאזעפּעווקער קעפּ אונ האָט זיי צעמישט די מויכעס אזוי, אז די ערשטע מינוט זײַנענ אויכ די אָבער־לייצימ צעדולט געוואָרנ אונ האָבנ ניט באוויזנ צו לעצעווענ אונ צו דארשענענ וועגנ דעמ, ווי זייער שטייגער איז פונ אייביק אָנ. אונ די מײַסע איז געווענ אָט וויאזוי.



5.

דער זומער האָט געוועלטיקט אפ דער גרויסער וועלט. ס'איז אוועק דער טאָג, אונ די פארנאכטיקע שאָטנס זײַנענ געקומענ. די קי אונ די ציגנ די מאזעפּעווקער האָבנ זיכ אומגעקערט פונ דער טשערעדע, אָנגעלאָדענע מיט מילכ, אונ אופגעהויבנ א שטויב ביזנ הימל, אונ פונעמ כיידער זײַנענ צוריקגעקומענ נאקעטע אונ באָרוועסע יינגלעכ מיט פינגער אויסגעשמירטע אינ טינט פונעמ שרײַבנ, וואָס זיי האָבנ געשריבנ, אונ אונטער די אויגנ זייערע—א בלויקײַט, מאכמעס די קלעפּ, וואָס זיי האָבנ געכאפּט פונ זייער ליבנ רעבנ... פונעמ ברעג טײַכ, דער טײַכ „ריפשוינ" (בלאָטיקער), האָט זיכ געהערט דאָס קוואקענ פונ די זשאבעס, וואָס האָבנ געקוואקעט אינ א כאָר, די פייגעלעכ האָבנ זייער שיינ געזונגענ, אונ יעדער לעבעדיק באשעפעניש האָט געשעפּט פארגעניגנ פונ דער שיינקײַט אונ פראכט פונ דער נאטור. אינ דעמ דאָזיקנ זיסנ אונ דערהויבענעמ אפדערנאכט איז צו רעב שאבסע באל־אכסאניע אינ אײַנפאָר־הויז פארפאָרנ א גרויסער וואָגנ, אײַנגעשפּאנט מיט פיר פערד—„לעמפערטנ", דאָס איז דאָכ אונדזער באקאנטע רעב לייזער דעמ באלעגאָלעס ערנ־קארעטע! אנ אָפּגעטראָגענער אונ א געלאטעטער לײַנענער לײַלעכ איז געווענ אויסגעשפּרייט ווי א בויד איבער איר צו שיצנ פונ היצ אונ פונ רעגנ. פונ אונטער דער דאָזיקער בויד האָבנ אָנגעהויבנ אראָפּצוגיינ געסט פונ קאָלערליי פעלקערשאפטנ, שפּראכנ, אלט אונ יונג, זויג־קינדער אונ גרויסע לײַט, טראָגעדיקע אונ געווינערנס—אלע מיטאמאָל. אז אָט די גאנצע מאכנע איז ארויסגעגאנגענ, האָט אָנגעהויבנ צאפּלענ אפ ארויס פונעמ וואָגנ נאָכ איינ לעבעדיק נעפעש, אײַנגעהילט אינ אסאכ ווארעמע שאלנ אונ וואָלענע שאליקעס, כאָטש אינדרויסנ איז געווענ א קלאָרע ווארעמקײַט.

רעב שאבסע מיט זײַנע זינ אונ טעכטער זײַנענ געלאָפנ אהער אונ אהינ, פארארבעט ביז איבערנ קאָפּ, צופרידענע, וואָס גאָט האָט זיי צוגעשיקט אזא גוטס דאָס מאָל—א מאסע כאָשעווע

געסט, א גאנצע מענגע מענטשנ. דער באלעבאָס האָט געהאלטנ אינ איינ אָפגעבנ „שאָלעמ" זײַנע געסט. די באלעבאָסטע האָט אופגעהויבנ א קאָל אפ דער קעכנע אונ איר באפוילנ, אז די מינוט זאָל זײַנ גרייט דער סאמאָוואר, קעדיי אָפצופרישנ די אָנגעקומענע פארשוינענ מיט א גלאָז טיי, אונ די טעכטער האָבנ געהאָלפנ אראָפנעמענ דעמ באגאזש פונעמ וואָגנ. נאָר די ייִנגסטע טאָכטער מאלקע האָט געוווּסט ווענ איז די רעכטע צײַט פאר יעדער זאכ אפ דער וועלט, אונ צוזעענדיק דעמ טומל אונ דעמ געלויפ פונ יעדנ איינעמ צו דער ארבעט, איז זי זיכ רויִק געשטאנענ אפ די טרעפ פונעמ ארײַנגאנג אונ פיל געשמועסט מיטנ „דײַטשישנ" הער, איר געליבטנ, אונ האָט זיכ פריילעכ געמאכט, לאכנדיק פונ פארשיידענע וויצנ, אונ בייס איר לאכנ האָט זי באוויזנ צוויי שנירלעכ ציינ, ווײַס ווי טופערשטיינ, אונ די גריבלעכ אפ די פולע בעקלעכ, וואָס זײַנענ שיינ ווי ליבלעכע ראָזנבלומענ.

— כ'האָב ליב קוקנ, ווי איר לאכט, — האָט צו איר דער „דײַטש" געזאָגט אפ ייִדיש־דײַטש, — כ'האָב זייער ליב, אז איר לאכט, וואָרעמ ווענ איר לאכט, באקומט איר דאָס פאָנעמ, וואָס איכ האָב ביכלאל ליב.

— איז וואָס פאר א פאָנעמ האָט איר ליב ב י כ ל א ל? — האָט מאלקע געפרעגט אונ כיטרע געשמייכלט.

— ביכלאל האָב איכ ליב אײַער פאָנעמ, — האָט דער „דײַטש" געזאָגט אונ איז צוגעגאנגענ א גלעט טאָנ מיט די פינגער אירע באקנ; אָבער מאלקע האָט אימ מיט א שטיפערישנ געלעכטערל א פאטש געטאָנ איבער דער האנט אונ האָט געזאָגט:

— כ'האָב אײַכ געוואָרנט הונדערט מאָל, מײַנ הער: מיט די אויגנ מעג מענ אלצדינג, אָבער מיט די הענט — פאוואָלי...

אינ דער מינוט האָט זיכ באוויזנ פאר די אויגנ א פרוי, וואָס איז געווענ אײַנגעהילט אינ די שאלנ אונ וואָלענע שאליקעס — דאָס נעפעש, וואָס איז קאמ אראָפ פונ רעב לייזער באלעגאָלעס



וואָגנ. א פאָר מינוט האָט זי צוגעקוקט, ווי זיי שפילנ זיכ ליבלעכ, אונ פלוצעמ איז די פרוי ארופ אפנ „דײַטש", ווי א ווילדע כײַע אפ איר רויב, ארײַנ מיט ביידע הענט אימ אינ טשופרינע אונ אָנגעשטעלט אפ אימ א פאָר אויגנ, וואָס בליצנ יאָגנ פונ זיי, אונ פונ מויל האָט זי א שפריצ געטאָנ מיט שוימ אונ מיט פלאמפײַער, פעכ אונ שוועבל אונ זײַלנ רויכ. קוויטשנ, גוואלדנ אונ קלאָלעס מיט ביטערע געשרייענ! — מיט איינ אָטעמ האָט די דאָזיקע אומגליקלעכע ארײַנגעטאָנ די גאנצע טויכעכע אפ א שפראכ, וואָס ווערט געברויכט אפנ פיש־מארק אונ אפנ מארק פונ גרינס, אונ זי האָט געיאָמערט, געקלאָגט אונ אופגעהויבנ א גרויסנ אונ ביטערנ געשריי.

— אָט דאָ ביסטו — טײַערער שמערל מײַנער? — האָט זי געשריִענ מיט א ביטער הארצ, — קוק, מעשומעד, זע נאָר, האָסט מיכ דערקאָנט? פרייסט זיכ מיט דײַנ ליב ווײַב? פרייענ זאָל זיכ מיט דיר דער מאלכאמאָוועס! האָסט מיר געשריבנ, דו זונ פונ אנ אויסוווּרפ — א כצופע, אז אינ דער דאָזיקער פינצטערער שטאָט, קומענ זאָל אפ דיר א כוישעכ אונ א געדיכט פינצטערניש, פארברענגסטו דײַנע טעג אינ שווארצנ טרויער, פארשווארצט זאָלסטו זײַנ אלע טאָג! האָסט ניט געוואָלט, אז איכ זאָל צו דיר קומענ, קומענ זאָל אפ דיר א מאגייפע! דו האָסט בעסער ליב צו שפילנ ליבעס מיט פרעמדע מיידלעכ, קומענ זאָל אפ זיי א מאפאָלע, אייִדער צו זענ זיכ מיט דײַנע קינדער, זענ זאָלסטו זיי מער ניט, וויפל דו וועסט לעבנ! כ'ווייס אלצדינג, אלצדינג האָב איכ געהערט, פאָרנדיק אפנ וועג. שאדכאָנימ רעדנ דיר שידוכימ — מעשאדעכ־זײַנ זאָל זיכ מיט דיר דער מאלעכ פונעמ קייווער! מע רעדט דיר ווירדיקע שידוכימ, רעדנ זאָלסטו מיט שיידימ פונעמ גענעמ! דו האָסט דאָ א זיס לעבנ, זיס זאָל דיר זײַנ די ערד אינ גרוב! כ'האָב שוינ אויסגעפרעגט, אויסגעפאָרשט וועגנ דיר, דו הונט, פאָרשנ זאָל דיכ אלע מינע שלאפקײַטנ אונ אלע בייזע ווייטעקנ פונ מיצראִימ! דײַנע טעג גייענ דאָ אוועק ווי יאָנטויוימ, אונ

מיך פאַטערסט דו מיט פינפ און צוואַנציק רובל א כוידעש, פינפ און צוואַנציק מאַקעס דיר אינ קאָפ! גייסט אָנגעטאָן פּריציש, ווי א גראַפ, האָסט דיר אויסגעפוצט די וואָנצעס און אָפּגעשניטן די באָרד, פאַרשניטן זאָלסטו ווערן, דעריבער האָבן דיך ליב מיידלעך, דו מעשומעד אַפּצולאָכעס! ווײ איז מיר — רעב עפראָיִמס טאָכטער, אז אָך און ווײ! איך בינ דאָרט אינ וואַנדזשעגאַלע, דײַנ ווײַב און דײַנע קינדער, און דו דאָ לויפסט נאָך יעדער מיידל, נאָכלויפן זאָלנ נאָך דיר און דיך טרעפן קאָלע בייזוווּנדער! און ווו איז דאָס גאַנצע געלט, וואָס דו פאַרדינסט? די טויזנטער און צענער טויזנטער, זאָג נאָר מיר, צוקלעפּן זאָל זיך דיר די צונג צום גומען! אָדער עפּשער טראַכסטו זיך, אז דו וועסט מיך אַוועקשיקן און אַוועקפּאַטערן מיט א געט? זאָל גאָט געבן, איך זאָל פון דיר פּאָטער ווערן און ״דיך ביז אייביק ניט אָנקוקן! בעסער איך זאָל בלײַבן נאָך דיר אַן אַלמאָנע און דײַנע קינדער יעסוימים הײַנטיקס יאָר, הײַנטיקן טאָג, די מינוט, דאָ אפן אָרט, האַר פון דער גאַנצער וועלט!.....

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אפן געשריי פון דער פרוי האָבן זיך גיך צונויפגעזאַמלט אַלע אײַנוווינער פונעם הויפ און פון דער גאַס; אַלע די, וואָס האָבן פיס, האָבן זיך געאײַלט און געלאָפן קוקן די אומזיסטיקע פאָרשטעלונג, און דער קלאַנג, אז צום „דײַטש דעם באָכער״ איז פלוצעם און אומגעריכט געקומען זײַנ ווײַב פון דער שטאָט וואַנדזשעגאַלע — דער דאָזיקער איבעראַשנדיקער קלאַנג איז געפלויגן פון מויל צו מויל, ווי פײַל־אויסן־בויגן און האָט אַרומגערינגלט גאַנצ מאַזעפּעווקע פון אַלע עקן.

— האָסטו געהערט? צום „דײַטש״ איז געקומען א ווײַב פון דער ווײַט!

— וואָסער „דײַטש״? ער איז דאָך א ייִד!

— און הייסן הייסט ער שמערקע!

— פון דײַטשלאַנד, פון וואַנדזשעגאַלע!



— נאָענט פון בערלין, א צוויי שאָ גאַנג!

— טאַקע א ווײַב בא אים א קראַסאַוויצע, און מיט א מויל, און א צונג!

— שוינ־זשע האָט ער נאָר איינ ווײַב און ניט מער?

— און ווער איז שולדיק דערינען, אויב ניט רעב קאַלמען דער שאַדכן? נאָר איבער אים האָט זיך אופגעהויבן דער שטורעם איבערן „דײַטשס״ קאָפ.

— איבער רעב שמערלס קאָפ פון וואַנדזשעגאַלע!

---

נאָך טאַקע אינ יענער נאַכט, איידער ס׳איז טאָג געוואָרן, האָט רעב לייזער באַלעגאָלע מעכאַבעד געווען זײַנע פערד מיט א ביסל האָבער און שטרוי און געשפאַנט אינ וועג אַרײַנ, און דער קאָמיסיאָנער איז אַוועקגעפאָרן מיט זײַנ ווײַב, די שטילע טויב, פון מאַזעפּעווקע, אפ מער זיך ניט צוריקקערן, און מיט זײַנ אַרויספאָרן פון דער שטאָט איז אַוועק איר שיינקײַט און איר גרויסאַרטיקײַט, און זײַנ אָנדענק איז פאַרבליבן בא מאַזעפּעווקער כאַכאָמים, שאַדכאָנים און לייצים נאָך א לאַנגע צײַט; און דער אײַנדרוק, וועלכער ער האָט בא אונדז געלאָזן, איז געווען זייער א שטאַרקער אײַנדרוק, וואָרעם אונדזערע באָכערים און מיידלעך האָבן זיך אַוועקגעקערט נאָך פרעמדע געטער. אָבער, סאָפּקאָלסאָפּ איז ער געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אַוועקגעלייגט דעם ווינקלשטיינ פאַר אונדזער אופקלערונג, און ווער עס האָט ניט געזען מאַזעפּעווקע אַזוי, ווי זי איז אַצינד, אינ די טעג, אינ הײַנטיקער צײַט, דער האָט קיינמאָל ניט געזען קיינ אייראָפּייִשע שטאָט מיט אַלע פּישטשעווקעס.

„ייִפּטאָך אינ זײַנ צײַט איז ווי שמועל אינ זײַנ צײַט״...

# דער „אויצער"

1.

די מאזעפּעווקער זײַנען גרויסע צדאָקע־געבער און געלט־שפּרייטער, ווי קיינער אין דער וועלט. דער מאזעפּעווקער שיט מיט נעדאָווועס אף רעכטס און אף לינקס, שפּרייט געלט ווי אש, און קערבלעך זײַנען ווי מוראשקעס בא אים אין די אויגן, עפנט ברייט זײַן האנט און זעטיקט אָן יעדן לעבעדיקן מיט ווילגנעדיקײַט, אי דעם אָרעמאן אי דעם פרעמדן, וואָס איז בא אים.

— ריבוינעשעלוילעם — אף דעם בעט יעדער איינער — ריבוינעשעלוילעם, פאָטער דערבארעמדיקער! דאָס געלט איז דאָך דײַנס און דאָס זילבער איז דײַנס, וואָס זשע אַרט דיך, אז איך וועל באקומען א אשרעס און ווערן א גוויר צווישן מײַנע אָרעמע און דאלעסדיקע ברידער? בין איך דען דאָס ניט ווערט? גאָט, מײַן גאָט! ווײַז מיר נאָר דײַן גענאָד, ווײַז מיר דײַנע וווּנדערלעכע מײַסים און לאָמיך אויסנעמען דאָס מאָל דאָס גרויסע גע־ווינס, וועט דיר אויך זײַן גוט צוליב מיר, וואָרעם איך וועל דיר דינען מיט פאָרכט און טאָן דאָס, וואָס דיר איז ליב, און נעדאָווועס וועל איך אויך געבן אָן אן עק: אף דער שול בין איך מענאַדער אזוי און אזוי, אפן מערכעץ, לעהאוודל, אזויפיל און אזויפיל, אף דער טאלמעטוירע א פײַנע נעדאָווע און אף ביקערכוילים צוויי מאָל אזויפיל, און צדאָקע די אָרעמעלײַט און אף די כעווורעס



„סוימעכ־נויפלים", „רויפע־כוילים" און „מאטיר־אסורים" א. א. וו., א.א.וו., א. א. וו.

מיט איין וואָרט — די מאזעפּעווקער זײַנען גרויסע צדאָקע־ און געלט־שפּרייטער, וואָס ניטאָ זייער גלײַכן; און אויב איר וועט זען, הערן, אז מאזעפּעווקער אָרעמעלײַט און קאפּצאָנים הונגערן, און די ייִנגלעך אין טאלמעטוירע גייען נאקעטע און מיט אנטבלויזטע הינטנס, און ארום דער שול איז א שרעק, און די ווענט ווילן אײַנפאלן, און דאָס מערכעץ... — נאָר לאָמיך דאָ לאָזן אַן אָרט אף צו פארנעמען זיך דערמיט אויך דעם קאָרעספּאָנדענט פון מאזעפּעווקע; זאָל ער באקומען דאָס וואָרט, וואָס געהערט אים, און נאָך וואָס זאָל איך צוראבעווען דאָס שעפעלע באם אָרעמאן? — אויב איר וועט זען אָדער הערן דאָס אלץ, זאָלט איר זיך ניט וווּנדערן, וואָרעם קיינער פון זיי האָט נאָך ניט געווונען דאָס גרויסע געווינס, און פונדעסטוועגן זײַנען זיי צדאָקע־געבערס גרויסע און געלט־שפּרייטערס, וואָס ניטאָ זייער גלײַכן, און אויך גרויסע באלעביטאָכן און גלויביקע, וואָס אף דער וועלט איז ניטאָ אזעלכע; אלע, ווי איינער, גלייבן זיי, אז עס וועט קומען זייער „גוטער טאָג", און די האצלאָכע וועט זיי א שײַן טאָן, און דאָס גליק וועט זיך שטעלן לעבן זיי רעכטס, (און כאָטש ער פארזאמט זיך, פונדעסטוועגן וואַרטן זיי אף אים, אפן „גוטן טאָג", אז ער וועט נאָך קומען.) דרייט זיך נאָר ארום איבער דער גאנצער גרויסער וועלט און קוקט און זוכט אין אירע אלע פיר עקן, צי וועט איר געפינען נאָך אזא שטאָט, וואָס אירע אײַנוווינער זאָלן אזוי שטרעבן נאָך געלט און אשירעס, אזויווי די מאזעפּעווקער אײַנוווינער. א ש י ר ע ס — דאָס איז זייער גאנצער אינטערעס, פון דעם רעדן זיי א גאנצן טאָג, און דאָס מאכט ריידעוודיק זייערע ליפּן אויך אין שלאָף אפן געלעגער. און ס'איז ניטאָ אפילע קיין איינער פון זיי, וואָס ס'זאָל ניט וואַרטן אף אים קיין אשירעס, אָבער ניט פון זייער האנדל און וואנדל, אָדער פון זייער האָרעוואניע, פאוואָלי און פאמעלעך. נאָר פּלוצעם און אומגעריכט.

אָן עפּעס — „פון הימל וועט מען זיי אַראָפּוואַרפן“. אפדערנאַכט וועט ער זיך לייגן שלאָפן אַן אָרעמאַן, א קאַפּצן, און אינדערפרי — אַן אשרעס, א גבֿיר, א געזאַנג, א פריידן! טויזנטער, צען טויזנט, הונדערט טויזנט... באַ גאָט איז דען אומעגלעך? פונוואַנען איז צו זיי געקומען אַזאַ שטאַרקע טײַווע? אין מאַזעפּעווקע שפּראָצן ניט קיין געלט־מאַגנאַטן, אַזוי ווי שוואָמען אָדער פּעטשעריצעס, אָן רעגן און אָן טוי, זיי וואַקסן ניט, ווי גראָז פון דער ערד; באַ אונדז איז פאַרקערט: די אָרעמקײַט גייט אַרום אין שטאָט, גרויס אויפגעשטעלט, די קאַפּצאָנים מערן זיך פון טאָג צו טאָג, אַלע טויערן פון פּאַרנאָסע זײַנען פאַרשלאָסן. און אַלע קוואַלן פון דער כאַיונע זײַנען פאַרשטאָפּט, און יידן זיצן מאַכמעס דאַכקעס און דרייען זיך אַרום ווי שאָטנס, ניט ווייסנדיק וואָס צו טאָן, קעדיי צו געפינען שפּײַז פאַר זייער הויזגעזינד... אָבער מײַנע ברידער — די מאַזעפּעווקער זײַנען באַלע־ביטאָכן און גלויביקע, לויט וואָס זייער גלײַכן איז ניטאָ אַף דער וועלט. זיי, וואָס זוכן אין אָט דעם פינצטערן טאָל, זיצן און קוקן נאָר אַרויס אַף ניסים און וווּנדער, זיצן און וואַרטן נאָר אַף געבראָטענע טויבן, וואָס זאָלן פליִען צו זיי גלײַך אין מויל אַרײַן, ניט אָפּקערעוונדיק זיך פון זייער וועג. מיט גלויבן און ביטאָכן לעבט דאָ דער ייִד פון אָנהייב יאָר ביזן עק יאָר, און ווער גיט עס זיי אַזאַ גרויסן ביטאָכן, אויב ניט בערקע דער קאָלעקטאָר, וואָס פאַרקויפט לאָטערײַ־בילעטן — „זאַקסישע“ און „בראַונשווייגישע“. אין די הונדערטער און טויזנטער צעטיילט אָט דער קאָלעקטאָר זײַנע בילעטן צווישן די מאַזעפּעווקער ייִדן, און ס'איז ניטאָ קיין הויז, ווו סע זאָל ניט זײַן אַזאַ מין בילעט, און אַלע, ווי איינער, וואַרטן אַפן טאָג פונעם גוירל, דאָס הייסט, דער טיראַזש! און כאָטש קיינער האָט נאָך דאָרט ניט געוווּנען גאָרניט, פונדעסטוועגן האָפן זיי, אַז ס'וועט קומען דער טאָג, און כאָטש ער פאַרזאַמט זיך — וואַרטן זיי אַף אים.

„געווען א פרומער מאַן, אָן שפּײַז און כאַיונע“... איר



געדענקט נאָך די געשיכטע פון יענעם פרומען מאַן, וואָס אָן שפּײַז און כאַיונע, און וואָס מיט אים האָט געטראָפן? אָט וועל איך אײַך דערציילן א מײַסע ניט מיט איין פרומען מאַן, נאָר מיט א שטאָט, וואָס איז פול מיט פרומע לײַט, „אָן שפּײַז און כאַיונע“; ניט מיט עליִאָהי האַנאָווי, נאָר מיט אַן ייִדישער פרוי, א קאָשערער און צניִעסדיקער פרוי, א פרוי א כאַכאָמע... און ניט מיט אַכט הונדערט טויזנט גילדן, ווי סע שטייט געשריבן אין די זמירעס צו מאָצע־שאַבעס, נאָר מיט צוויי הונדערט מיליאָן רובל! 200.000.000 מיט א פאַרשלאָסענעם אוצער, מיט גאָלד אָן א שיר!!

.2

די זאַך האָט זיך געטראָפן און פאָרגעקומען סאָף 19־טן יאָרהונדערט לויט דער ציילונג, וואָס מיר ציילן דאָ אין אייראָפּע און אין די איבעריקע ציוויליזירטע לענדער, אין יאָר 5649 זינט די וועלט איז באַשאַפן. אין עלף טאָג פונעם כוידעש איִאָר, אַזויפיל און אַזויפיל טעג אין ספירע, בײַם א קלאַנג האָט זיך פאַרשפּרייט אין דער ייִדישער גאַס אין מאַזעפּעווקע, אַז עס איז געקומען די פרוי, וואָס באַזיצט די שליסלען פונעם אוצער, אַז זי איז עס געקומען קיין מאַזעפּעווקע — האָט זיך א וויג געטאָן די שטאָט.

וועגן דער פרוי מיטן אוצער האָבן זיי, פּראַוודע, געהערט שוין לאַנג, נאָך פאַר פּייסעך; אַלע האָבן געוווּסט, אַז דאָרט אין די נאָענטע אָדער ווײַטע שטעט דרייט זיך אַרום אָט די פרוי און אומעטום, ווו זי קומט, ברענגט זי גליק און רײַכקײַט אין אירע פּאָלעס די אָרעמעלײַט; ווער עס וויל, קומט און געווינט זיך א ביילעק אין איר אוצער. ווי גליקלעך זײַנען זיי, די מענטשן פון יענע שטעט! פאַראַן אַזאַ איינער, וואָס געווינט זײַן וועלט אין איין שאָ! אָט ליגט אײַער גליק פאַר אײַך, ציט און נעמט, שטרעק אויס דײַן האַנט און כאַפּ עס אָן און נעם וואָס דיר געפעלט,

לעגענדעס פונעם אודער

פיל אָנ דײַנע רוקועק, דײַנע זעק אונ קאסטנס: א קלײניקײַט — 200.000.000? צווײהונדערט מיליאָנ שטיקער גאָלד — אוי, דו גאָט פונעם גאָלד אונ זילבער!.. ווו איז ער אונ ווו ארומ איז דער אויצער געקומענ צו דער פרוי — דאָס ווײסט קײנער ניט. נאָר אצינד, אז די באַלעבאָסטע איבערנ אויצער איז געקומענ קײנ מאזעפעווקע זיכ פארזאמענ דאָרט נאָר עטלעכע געצײלטע טעג, וואָרעמ אָט נאָכ א ביסל, אינ צווײ־דרײַ וואָכנ ארומ, וועט זי אופדעקנ דעמ סאָד אונ אופעפענענ די פארבאָרגענע אונ פארבאהאלטענע זאכנ פונעמ אויצער, — אצינד איז אלצדינג באוווסט געוואָרנ, קײנ זאכ איז מער קײנ סאָד ניט פאר אונדז!

דאָרט אינ דאָרפ כרוקאָווקע לעבנ מאזעפעווקע איז זײַנ בעקאָוועדיק רו־אָרט. אינ דעמ טאָג פונ ערעוו שוועס האיאָר — דאָס איז דער באשטימטער טאָג, אינ וועלכנ מע וועט ארויסציִענ פונעמ שויס פונ דער ערד דעמ אויצער, דאָס באהאלטענע ליכט. אונ זײַנ אָרט איז צווישנ צווײ בערג, דאָרט אפ יענעמ אָרט, ווו עס איז דערהארגעט געוואָרנ דער פאָרעץ דער אונ דער, וועלכער האָט געפרווווט גראָבנ אונ ארויסציִענ דעמ אויצער, אײדער ס'איז געקומענ די צײַט זײַנע אנטפלעקט צו ווערנ. דעמ דאָזיקנ אויצער האָט באהאלטנ אינ די טיפענישנ פונ דער ערד צוריק מיט זייער פיל יאָרנ דער העטמאנ—דער קאָמאנדיר איבער אלע קאָזאקישע כאיאָלעס, וואָס איז באוווסט מיטנ נאָמענ מ א ז ע פ א. דאָרטנ געפינענ זיכ מעוומענע צווײ הונדערט מיליאָנ רובל גאָלד, כוץ א מענגע זילבערנע אונ גאָלדענע קײלימ, פערל אונ דימענטנ, וואָס זײַנענ צונויפגעזאמלט געוואָרנ אינ א מאסע אײַזערנע אונ קופערנע קרוגנ מיט טעפ. די טיפ פונעמ אויצער איז זיבנ אײלנ, אונ א קופערנע טיר איז אפ אימ פונויבנ, אונ זי איז פארשלאָסנ מיט א גאָלדענעמ שלאָס, וואָס עפנט זיכ מיט א גינגאָלדענעמ שליסל, אונ אָט דער שליסל געפינט זיכ אצינד בא דער יִדישער פרוי. נאָר ווו ארומ איז דער שליסל געקומענ צו איר אינ די הענט? די זאָגנ: מאזעפא האָט פארלוירנ דעמ שליסל, האָט אימ געפונענ



א יִיד מיטנ נאָמענ „מוישע דער לאנגער” אונ האָט אימ געלאָזט יערושע זײַנע קינדער אונ האָט זיי אויכ אָנגעשריבנ א צאוואָע; די קינדער האָבנ געלאָזט יערושע זײַנע קינדער, אונ אזוי איז דער שליסל מעגולגל געוואָרנ פונ אײנ יוירעש צומ אנדערנ אסאכ דוירעס, ביז ער איז געקומענ אינ די הענט ארײַנ צו דער פרוי, וואָס לעבט אצינד בא אונדז. אינ דער צאוואָע, וואָס מוישע דער לאנגער האָט אָנגעשריבנ פארנ טויט, שטײט גאנצ דײַטלעכ, אז אינ א באשטימטער צײַט אונ נאָכ אינ צווײ מאָל אונ האלב מאָל אזויפיל, אינ טאָג פונ ערעוו שוועס, דאָס איז 5649 יאָר זינט די וועלט איז באשאפנ, וועט אנטפלעקט אונ געפונענ ווערנ דער אויצער, אונ יעדער, ווער ס'וועט אָנרירנ דעמ אויצער פאר דער צײַט — וועט באקומענ דעמ טויט, אזוי ווי מיר האָבנ באשײַמפערלעכ געזענ דעמ טאָפ פונעמ פאָרעצ, וואָס אימ איז אויכ אנטפלעקט געוואָרנ דער סאָד, אונ ער האָט זיכ געקלוגט פעדערנ זיכ פאר דער צײַט אונ אריבערנעמענ צו זיכ די נאכלע פונ די יִדישע יאָרשימ; דאָס איז דאָכ אימ געקומענ פונ זײַנ האנט אלײנ אונ זײַנ סאָפ איז געווענ — דער אומקומ.

אונ די זאָגנ: ניט אזוי! ניט מאזעפא האָט באהאלטנ דעמ אויצער, נאָר גאָנטע, אונ ניט דאָ ארומ מאזעפעווקע, נאָר אינ דער שטאָט א ו מ א נ. אונ אָט אזוי איז געווענ די מײַסע: געווענ אינ אומאנ א יִיד מיטנ נאָמענ רעב אנשל אומאנער, אונ דער דאָזיקער מענטש איז געווענ א טמימעסדיקער אונ ערלעכער, א פרומער אונ גאָטספאָרכטיקער. אונ זײַנ ארבעט איז געווענ טראָגנ סכוירע אינ די הויפנ פונ די פוילישע פריצימ, אונ געהאט האָט ער א וואָגנ, געשפאנט מיט א דארער קליאטשע; אונ ס'איז געווענ, ווענ גאָנטע איז ארויסגעגאנגענ באהאלטנ דעמ אויצער, איז רעב אנשל געשטאנענ אינ נאָענטנ וואלד לעבנ זײַנ וועגעלע מיט סכוירע אונ געדאווונט שמוינעסרע. אונ אז ער איז געקומענ צו די ווערטער „אונ אונדזערע אויגנ זאָלנ דערזענ”, האָבנ זײַנע אויגנ דערזענ, ווי גאָנטע מיט א מאכנע קאָזאקנ גראָבנ אינ דער

ערד א טיפֿן גרוב; דערנאָך האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט פֿון דער קאַרעטע אין גרוב אַרײַן זייער פֿיל זעק, פֿול מיט גאָלדענע און זילבערנע מאַטבייעס און איידלשטיינער מיט דימענטן, וואָס אַקעגן זייער לײַכטן און זייער גלאַנץ זײַנען ר׳ אַנשלס אויגן קימאַט טונקל געוואָרן. און אַז די קאָזאַקן האָבן געענדיקט זייער אַרבעט, זײַנען זיי אַוועק זייער וועג אין אײַלעניש און יאָגעניש, און רעב אַנשלען האָבן זיי ניט געזען; דעמאָלט איז רעב אַנשל אַרויס פֿונעם וואַלד און אַרופֿגעצויגן דעם אוצר און אים אַרײַנגעלייגט אין וואָגן אַרײַן, און די סכּירע האָט ער אַרײַנגעוואָרפֿן אין גרוב אַרײַן, האָט צוגעדעקט מיט ערד און זיך אַוועק זײַן וועג בעשאָלעם א.א.וו...

און אַנדערע האָבן געזאָגט: ניט אַזוי איז געווען די מײַסע! דער אוצר איז פֿאַרשלאָסן אין א שלאָס אין א זילבערנעם קאַסטן, וואָס געפֿינט זיך בײַ דער פֿרוי אין שטוב אין איר ווינשטאָט. דאָרט אין יענעם קאַסטן (ווי סע שטייט געשריבן אין דער צוואָע) ליגן אָפּגעהיט קרעדיט־בילעטן פֿון איינעם פֿון די ענגלישע באַנקן אויף דער ריזיקער סומע פֿון צוויי הונדערט מיליאָן רובל גאָלד, וואָס איז פֿאַרבאַהאַלטן געוואָרן ביז אין דער באַשטימטער צײַט — דאָס איז ערעוו שוועס הײַנטיקס יאָר. כּוץ די בילעטן געפֿינען זיך אין קאַסטן אויך א מאַסע גאָלדענע רענדלעך און טײַערע צירונג, וואָס זיי קאָן יעדער איינער זען מיט זײַנע אויגן דאָ, בײַ דער פֿרוי אַליין... יעדער איינער פֿון די מאַזעפּעווקער גייט צו נאָענט, קוקט זיך אײַן אין די גאָלדענע רענדלעך, אין עם שליסל, אין עם אַלטן בויגן פּאַפּיר, וואָס איז שוין צעפֿוילט פֿאַר אַלטקײַט, און א שטאַרקע טײַוווע צעפֿלאַקערט זיך בײַ יעדן איינעם אין האַרצן, די טײַוווע צו געלט. דאָס בלוט ווערט אים הייס, זײַן פֿאַנטאַזיע שטורעמט, און פֿול מיט געדאַנקען גייט ער אַרויס אינדרויסן און ציילט און מאַכט א כעזשבן: וויפֿל טרעפֿט אָן די סומע 200.000.000. „ווײַ מיר, — טראַכט ער זיך אין האַרצן, — וואָס וואָלט איך געטאָן, ווען די דאָזיקע צוויי הונדערט מיליאָן רובל



די אָפּשר ווייד

זאָלן זײַן מײַנע?“ און אָט די מאַכשאָוועס באַהאַלט יעדער מענטש בײַ זיך אינעווייניק, באַגראָבט זיי אין האַרצן און ברענגט זיי ניט אַפֿן מויל.

און די פֿרוי האָט צוויי גאַבאָיִם, פֿײַנע מענטשן, מענטשן, וואָס זייער פּאָנעם זאָגט קלאָר איידעס, אַז דאָס זײַנען כאָשעווע לײַט, זיי זײַנען געווען די אַרײַנפֿירער און אַרויספֿירער, די, וואָס האָבן געשמועסט און זיך געייסעקט מיט דער זאַך. יעדער איינער, וואָס האָט געגלוסט וויסן די פּראָטים וועגן אוצר, האָט זיך געווענדעט צו די צוויי גאַבאָיִם, און זיי האָבן אים געוויזן — אומזיסט אָן געלט — דעם וועג, ווו ער זאָל גיין. און אַז ער האָט אָפּגעציילט זיי אין די הענט אַרײַן איין רובל — וועט ער נעמען פֿונעם אוצר אויף זײַן כיילעק הונדערט רובל, און אויב ער גיט הונדערט — וועט ער קריגן צען טויזנט! מיט איין וואָרט — דאָס געשעפֿט איז זייער א גוט געשעפֿט, און ווער איז דאָס אַן אַכזער אויף זיך אַליין און וויל זיך ניט זאָרגן וועגן קומענדיקן טאָג און זיך אײַנשאַפֿן גליק און אַשירעס בײַ אַזאַ געלעגנהײַט! „דײַן העמד פֿונעם לײַב זאָלסטו פֿאַרזעצן, און א גוויר זאָלסטו זײַן!“

און דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿון אַלע עקן שטאָט האָט אָנגעהויבן ברענגען דאָס געלט צו דער פֿרוי, די פֿונעם אוצר. און דער, וואָס האָט ניט געהאַט בעיאַד, האָט פֿאַרמאַשקנט זײַן ווײַבס צירונג, בימכילע, און אויך הויז־גרייט און מאַלבושים. אין יענער צײַט האָט זיך געעפֿנט א קוואַל פֿון שעפֿע און בראָכע אָן א שיר פֿאַר רעב אַלטער פּראָצענטניק און די איבעריקע איסקע־נעמער אין שטאָט. מע האָט זיי באַלאַגערט פֿון אַלע זײַטן: „גאָט אײַך א מאַלבוש, נעמט אויך אַסאַך פּראָצענט, אַבי גיט געלט!“ וואָרעם ס׳איז אַרויס א קאָל, אַז סע קאָן זײַן, אַז נאָך לעגבוימער וועט די פֿרוי מער ניט צונעמען קיין געלט און אויפֿהערן פֿאַרקויפֿן טיילן פֿונעם אוצר, וואָרעם צו וואָס דאַרף זי עס? ס׳איז דאָך אַזוי ווי א טראָפּן פֿון אַן עמער אין פֿאַרגלײַך מיטן מעסוקענעם פֿאַרמעגן, וואָס איז איר באַשערט!

אונ אַז, אינ איר אויצער איז פאַראַנ געלט — דאָס איז געווענ העכער פונ יעדער צווייפל. האָבנ דאָך יעדנ איינעמס אויגנ געזענ לעבנ דער פרוי א קופערנעמ קרוג, וואָס פונ אימ ווייעט מיט אַלטקײַט, אונ דער קרוג איז פול ביז איבער די בערגנ מיט גאָלדענע רענדלעך, אימפעריאַלנ, קערבלעך אונ בליאַסקענדיקע מאַטבייעס. וויאַזוי־זשע זאָל מענ איר ניט גלייבנ? ווייניק אויצרעס זײַנענ עס פאַרגראָבנ אינ די טיפענישנ פונ דער ערד פונ קאַדמוינימ? עמעס, מאַזעפעווקער כאַכאָמימ, די לייצימ, וואָס זײַנענ באַקאַנט אונדזערע לייענער פונ די פריערדיקע דערציילונגענ אונדזערע, האָבנ געפרווט טכילעס אופעפענענ א בייז מויל אונ האָבנ אָפגעלעצעוועט פונ די מענטשנ, וואָס האָבנ זיך געאײַלט אונ געכאַפט זיך צו ז'ער פרוי אָפצוגעבנ איר זייער געלט.

— רייניקט אָפ אַנ אָרט! גרייט אָנ א בײַטל! — האָבנ די דאָזיקע לײַט מיט די שאַרפע מײַלער אויסגערופנ, זעענדיק איינעמ גיינ אינ איינ אײַלעניש צו דער פרויס סטאַנציע, — אָט גייט ער באַגראָבנ דאָס ביסל, וואָס ער האָט פונ פריער.

— ער לאָזט אַוועק זײַנ געלט אַפנ ווינט.

— אַזויווי ער זעט זײַנע אויערנ, אַזוי וועט ער זענ צוריק זײַנ געלט.

— ער וועט געבנ געלט, אונ באַקומענ א פולע זשמעניע שמאַטעס.

אָבער אינ צוויי־דרײַ טעג אַרומ האָבנ די דאָזיקע לייצימ — די קריטיקער אַוועקגעוואָרפנ דאָס לעצאָנעס אונ געוואָרנ קליגער אונ אויך אָנגעהויבנ צו פאַרגאַנווענענ זיך איינציקווײַז צו דער פרויס סטאַנציע, אונ געגאַנגענ זײַנענ זיי אינדערפינצטער, קיינ פרעמד אויג זאָל זיי ניט אָנקוקנ. אונ זיי האָבנ אָפגעגעבנ דער פרוי דאָס ביסל, וואָס ס'איז בא זיי איבערגעבליבנ, דאָס לעצטע קערבל פונעמ ביסל, קעדיי זיי זאָלנ אויך האָבנ א כיילעק אינ איר אויצער, ווײַל באַלד וועט אַריבער דער טערמינ, אָט באַלד וועלנ די



טויערנ צוגעשלאָסנ ווערנ, אונ דאַנ וועט שוינ קיינ שומ אויסקויפ ניט העלפנ. עמעס, ניט מיט כיישעק האָט די פרוי גענומענ דאָס געלט, אונ אירע צוויי גאַבאָימ זײַנענ אויך געווענ גרויסע אַקשאָנימ דעמאָלט, נאָר אַזויווי זיי האָבנ שטאַרק געבעטנ — „נעמט, וואָס אַרט אײַך, אַז איר וועט נעמענ?“ — האָבנ זיי גענומענ.

אונ זיי האָבנ גענומענ — פונ אינדערפרי ביז האַלבער נאַכט! די טיר האָט ניט אויפגעהערט זיך צו דרייענ אַפ אירע זאַוויסעס אַפילע אַפ קיינ מינוט ניט — דער אַרויס אונ דער אַרײַנ, אונ ס'איז געקומענ מאַנצבלענ אונ פרויענ, אַלטע אונ יונגע, באָכערימ אונ מיידלעך, כאַסאַנימ אונ קאַלעס מיט זייערע קניפלעך אינ די הענט אונ זיי האָבנ זיך געשטופט אונ געשטויסנ איינער דעמ צווייטנ אינ די זײַטנ אונ אינ די אַקסלענ אַפ אַרײַנצוגיינ די ערשטע, ווי דער שטייגער איז. די סטאַנציע פונ דער פרוי מיטנ אויצער איז געווענ בא אונדזער באַקאַנטנ רעב שאַבסע דער באַל־אַכסאַניע, אינ דעמ צימער, ווו ס'האָט פריער געוווינט דער „דײַטש“. אונ די פרוי איז געווענ א כאָשעווע אונ צניעסדיקע פרוי, מיט א זײַדענעמ שאַל אַפ די אַקסלענ, א ריינעמ הייבל אַפנ קאָפ, מיט א גאָלדענעמ שניר'ל, באַפוצט מיט דימענטנ, טאָפאַזנ אונ סמאַראַגדנ אַפנ שטערנ, מיט אויררינגלעך אַפ די אויערנ אונ אַסאַך רינגענ אַפ די פינגער. מיט די באַזוכער האָט זי גערעדט ווייניק, אונ די פאַרמיטלער צווישנ זיי זײַנענ געווענ די צוויי קרויוומ אירע, די גאַבאָימ, וועלכע זײַנענ אַרומגעגאַנגענ אינ צימער אַהער אונ אַהינ אונ געשמועסט אונ געסוידעט זיך צווישנ זיך, אָנ שומ אויפמערקזאַמקײַט צו די מענטשנ, וואָס שטייענ אונ וואַרטנ מיט די קניפלעך געלט אינ די הענט. אונ ווויל איז דעמ מענטשנ, וועלכער האָט זוכע געווענ צו געפעלנ די דאָזיקע גאַבאָימ אונ צו פאַרשריבנ ווערנ פאַר א שטיקל כאַבאַר אינ געדענק־בוך בא זיי. אויך אונדזער באַקאַנטנ רעב שאַבסענ איז אָנגעקומענ אַפ זײַנ כיילעק א

שטעטל-אַנאַטאָמיע

ווילער שטיק פון דער דאָזיקער סודעס־מיצווע, וואָרעם צו אים פרעגט זיך צום אַלעם ערשטן יעדער, וואָס קומט צו דער פרוי, ער זאָל זײַן פאַר אים אַ רעדנער, און אַ כאָראָטײַ, אַ שטאַדלען און אַן אַדוואָקאַט. אַזוי איז דער מינהעג בײַ די מאַזעפּעווקער פון טאָמיד אָן, אַז צו יעדער איניען דאַרפן זיי האָבן אַ מײליץ־יוישער, אָדער ווי זיי רופן דאָס — אַ „צאַד". בײַם פּאָרעץ — אַ צאַד; בײַ גוויר — אַ צאַד; בײַ שטאָט־פּריסטאַוו — אַ צאַד; בײַ דאָקטער — אַ צאַד; בײַם רעבן — אַ צאַד; מיט איין וואָרט: זיי רירן ניט מיט קיין האַנט און מיט קיין פוס, אײדער זיי האָבן ניט פריִער עפּעס אַ צאַד. בײַ דער פרוי מיטן אויצער איז רעב שאַבסע געווען דער „צאַד", אין זײַן באַגלײטונג איז גרינג געווען צו קומען אין שטוב אַרײַן. ער שטעלט פאָר דעם מענטשן פאַר די גאַבאָים. אַשטייגער: „אָט איז דער און דער, אַ היגער באַלעבאָס, דאַוונט אין אַלטן בעסמעדרעש"... אָדער: „דאָס איז די און די, אַ לײַטישע יידענע, פאַרקויפט מילך, פּוטער"... און ווײַל איז דעם מענטשן, וואָס אַ „צאַד" גייט מיט אים פאָרויס! דערפאַר האָט רעב שאַבסע אויך באַקומען עפּעס געצאָלטס, וואָרעם „נאָך אַן אָנגעלאָדענעם וואָגן איז גוט פאַמעלעך נאָכצוגיין". אַזוי איז געווען זײַן ווערטל, און דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געטאָן, איז געווען אָנצוגרייטן נאָרן פאַר זײַנע פיר טעכטער, און ער האָט פאַר יעדער איינער אײַנגעטײלט צוויי טויזנט פינפהונדערט רובל. דאָס הייסט, ער האָט געגעבן דער פרוי מיטן אויצער פינף און צוואַנציק רובל פאַר יעדער טאָכטער, און אין פּינקעס איז פאַרשריבן געוואָרן אַז זײַן קאָנטע אָט וואָס: „אָפּן כעזשבן פונעם נאָגיד רעב שאַבסע צען טויזנט רובל פאַר זײַנע פיר טעכטער פונעם אויצער. די סומע הונדערט רובל אָפּגעצאָלט"...

עמעס, רעב שאַבסע, ווי מיר ווייסן, איז ניט געווען פון די נאַראָנים, איז ער געקומען מיט אַ טײַנע, אַז אַזויווי ער איז דער באַל־אכסאַניע, איז ער דאָך כאָשעווער אײדער איינער



פון דער גאַס, קומט אים אַן הויסאָפע אַף די צען טויזנט רובל, קעדיי ער זאָל קאָנען אויסטראָגן די כאַסענע־הויצאָעס. און רעב שאַבסע איז צוגעגאַנגען צו די גאַבאָים און האָט זיי געזאָגט:

— הערט נאָר, ראַבויסײַ! ס'איז אַ נעלעכטער בײַ אײַך כאַסענע מאַכן פיר טעכטער! און נאָך פאַרגעסט ניט, אַז מײַן פרוי, מאָראַס דווירע, זאָל לעבן, איז אויך אַ לעבעדיקער מענטש, און אַז עס וועט קומען צו דער כאַסענע, וועט זי דאָך וועלן איך זאָל איר מאַכן אַ זײַדן קלייד און אַ פוטער; און ווו איז די איבעריקע הויצאָעס? און ווו איז רעכאַש, און קלעזמער, און נאָך און נאָך?

אַף די דאָזיקע טײַנעס האָבן די כאָשעווע גאַבאָים אָפּגעענטפערט, אַז אויב ער וועט זיי נאָכלאָזן פון געצאָלטס פאַר דער סטאַנציע און פאַרן עסן, וועלן זיי אים געבן פונעם אויצער אַ שנירל פּערל און בריליאַנטן, וועלכע ער וועט קאָנען פאַרקויפן פאַר גוט געלט, אויב ער וועט וועלן.

— פאַרקויפן די פּערל און בריליאַנטן?! — האָט אויסגעשריגן דווירע, — ניין, דאָס ניט! פאַר קיין שום געלט אין דער וועלט וועל איך דיך ניט לאָזן, שאַבסע, טאָן אַזאַ זאַך, וואָרעם זיי וועלן זײַן מײַנע! דו הערסט?!

— טו ווי דו ווילסט, — האָט רעב שאַבסע געענטפערט אין גוטן מוט, — איך וועל זיך מיט דיר ניט קריגן אַצינד, האַלעווײַ וואָלט שוין געוואָרן שוועס!..

.3

און וואָס נעענטער עס איז געקומען דער יאָנטעוו, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן די טײַווע בײַ די מאַזעפּעווקער צו קריגן פאַרמעגן און אשירעס אָן גאָרניט, און אַלץ גרעסער און מערער איז געוואָרן דאָס ענגשאַפט און דאָס שטופּעניש בײַ רעב

שאבסענ אינ הויז. אונ דער כאָשעווער רעב שאבסע האָט געמאָלדנ אַלעמענ, אז אנ עק! פארשלאָסנ געוואָרנ די טויערנ, אונ די פרוי מיטנ איצער וויל מער ניט מעזאקע זײַנ יעדנ מיט איר גוטנ אויצער. אונ מאנצבלענ אונ פרויענ האָבנ שטארק געבעטנ רעב שאבסענ אונ האָבנ זיך אויסגעזוכט אסאך „מײליץ־יוישערס" אונ „צדאָדימ" צו אימ, מע זאָל בעטנ פאר זיי, אונ נאָר מיט גרויס מי אונ מאטערניש האָט זיך זיי אײַנגעגעבנ אָנצוקומענ צו דער פרוי. דעמ לעצטנ גראָשנ האָבנ זיי אויסגעליידיקט, דאָס לעצטע ביסל אָפּגעגעבנ פאר א מאשקנ, פארקויפט הײַזער אונ הייפ — אונ געטראָגנ געלט דער פרוי, וואָס האָט דאָס, עמעס, גענומענ אָנ כיישעק... אסאך האָבנ אוועקגעוואָרפנ זייערע געשעפטנ אונ זייער ארבעט, אסאך פארבינדונגענ זײַנענ אופגעלייזט געוואָרנ, אסאך שידוכימ באָטל געוואָרנ אונ אסאך געטנ געגעבנ געוואָרנ איבערנ אויצער. נאָר אינ דעמ איז געווענ זייער גאנצער אינטערעס. וועגנ אויצער איז געווענ אלע זייערע שמועסנ אונ באשעפטיקונגענ, זייערע געדאנקענ אונ טראכטנ! נאָך א וואָך — וועט זײַנ ערעוו שוועס — דער טאָג, וואָס ער וועט ברענגענ מיט זיך גליק אונ אשירעס צו די מאזעפעווקער, אונ אָט פלוצעמ האָט געטראָפּנ אנ אומגליק, געקומענ א צאָרע, מע ווייסט ניט פונוואנענ. אונ אָט וואָס ס'איז געשענ:

צווישנ די אלע פארשיידענע פארנאָסעס, מיט וועלכע עס האָבנ זיך פארנומענ די מאזעפעווקער ייִדנ אינ הײַנטיקע שלעכטע צײַטנ, איז געווענ איינ מינ פארנאָסע, א גרינגע אונ מעוווזעדיקע, זייער א קויטיקע אונ נימעסע. די דאָזיקע פארנאָסע איז די מעסירע — א קרעציקע מאקע, וואָס האָט זיך באהעפט אינ אונדז אינ כוישעכדיקע טעג, טעג פונ ענגשאפט אונ פינצטערניש... אונ נאָר דאנ וועט דאָס ייִדישע פאָלק וויסנ, אז עס איז אויסגעלייזט פונ אלע זײַנע צאָרעס אונ אז עס איז געקומענ דאָס יאָר פונ זײַנ יעשועס, ווענ די דאָזיקע זינד וועלנ



יוסף פאַרבודזשעריסקי

פארשוווּנדנ ווערנ בא אימ, אונ די מאָסרימ וועלנ פארשניטנ ווערנ פונ גאָטס איידע! כוץ די מאָסרימ אונ דאָנאָסטשיקעס, וואָס געבוירנ האָט זיי די קאָנקורענצ אינ מיסכער אונ אופגעצויגנ האָט זיי די קינע, וואָס איינער איז מעקאנע דעמ צווייטנ, געפינט זיך אינ יעדער שטאָט, צו אונדזער ווייטעק אונ דעמ גאנצנ פאָלק צו שאנד, א מאָסער, וואָס דאָס איז זײַנ מעלאָכע, א מענטש מיט א צונג, וואָס האָט זיך אויסגעקליבנ די מעסירע פאר א קוואל פונ פארנאָסע אונ שפּײַזונג, וואָס פונ דעמ האָט ער זײַנ ברויט. אויך אינ מאזעפעווקע אינ דער ייִדישער קעהילע רוט בעקאָוועד אזא מינ „מאָסער א מײַסטער" אונ זײַנ נאָמענ איז „ר' יאנקל מאָטער". דער דאָזיקער יאנקל איז אזויווי „יאָנטל כאפער" אָדער „מענדל גאָווי" פונ אמאָל; דער דאָזיקער יאנקל איז א כאָשעווער באלעבאָס אינ מאזעפעווקע, אונ אלע גיבנ אימ אָפּ קאָוועד, וואָרעמ ער איז דאָך א מאָסער! יעדער קרעמער אינ שטאָט — צי ער האָט יאָ פאָסעלע סכוירע אינ קלייט, צי ניט; יעדער סויכער — צי ער האָט יאָ געקויפט א „בלעטל" אָפּ צו מעגנ האנדלענ, צי ניט; יעדער מעלאמעד — צי ער האָט יאָ א „בלעטל" אָפּ צו מעגנ לערנענ, צי ניט — אלע ווייסנ זייער פליכט, אז זיי מוזנ ברענגענ יאנקלענ א „מאטאָנע", איינ קערבל אָדער עטלעכע קערבלעך. צי עס איז אנ אסיפע אינ שטאָט, א סימכעלע, א פריזיוו, אָדער עס שטארבט איינער אינ א דאָרפ, אָדער סע קומט א רעבע אינ שטאָט אריינ — יאנקל באקומט זיך זײַנ לוינ אונ טראָגט אוועק עפעס א גאָב: זאָל דער הונט ניט האווקענ... אונ די דאָזיקע פיאווקע האָט צוויי טעכטער: צוויי קעשענעס, טיפע, ווי דער טהאָמ, אונ ברייטער פונעמ יאמ, אונ זיי ווייסנ ניט קיינ זעט, אזוי ווי דער שעאָל. ווער איז ער, דער יאנקל, אונ פונוואנענ איז ער געקומענ צו אונדז קיינ מאזעפעווקע — וועל איך דערציילנ אנ אנדערש מאָל, נאָר איינס וויל איך דאָ באמערקנ, אז פונ זײַנע פינפ כושימ איז דער וויכטיקסטער

דער „כוש־האָרייעכ״ — יאנקל האָט א נאָז, וואָס מיט אים דערשמעקט ער אפילע וואָס עס טוט זיכ אונטער דער ערד! אָ, זײַנ נאָז, זײַנ לאנגע נאָז, וואָס נישטערט און בוידעקט, זוכט און גריבלט זיכ! די דאָזיקע נאָז באגעגנט אײַכ צום ערשטנ, ווענ איר קומט קיינ מאזעפעווקע, און מיר דוכט, אז אָנ דער דאָזיקער נאָז וועט די גאנצע שטאָט אָנווערנ איר פּאָנעם און לאכלוטנ בײַטנ איר צורע...

די דאָזיקע נאָז האָט דערשמעקט אויכ דעם רייעכ פונ דער פרוי מיטנ אויצער, און שאבסע באל־אכסאניע, לויטנ באפעל פונ די צוויי גאבאָים, האָט אוועקגערופנ יאנקלענ אינ א זײַט און א רעד געטאָנ מיט אים אייניקע פוסטע רייד און אומבאמערקט אים ארײַנגעשטעקט זײַנס. נאָר יאנקלס נאָז האָט זיכ דאָס מאָל ניט באנונגט און האָט ניט געשטילט זײַנ טײַווע מיטאמאָל; ער האָט אָנגעהויבנ ארײַנצוקומענ איינ מאָל נאָכנ אנדערנ און האָט טיפ געשמעקט, געגריבלט זיכ און אוועקגעריבט רעב שאבסעס רויִקײַט. ווענ אפנ אָרט פונ רעב שאבסע דעמ קײַסנ וואָלט געווענ אנ אנדער מענטש, וואָלט ער געווענ בארויִקנ יאנקלענ נאָכ מיט א פּאָר קערבלעכ, און אלצ וואָלט געווענ פרידלעכ אפ זײַנ אָרט. אָבער אָט דער רעב שאבסע איז פונ ארנ־האקויהענס אייניקלעכ, און די קויהאניס זײַנענ פונ טאָמיד אָנ קאפּצאָנים, ווערנ גיכ אינ קאס און בעטנ זיכ איבער ניט גיכ. האָט רעב שאבסע זיכ ניט געקאָנט אײַנהאלטנ און האָט אויסגעגאָסנ זײַנ גאל און זײַנ ביטער הארצ אפ יאנקלענ.

— ביזוואנענ, — האָט רעב שאבסע געשריגנ אינ זײַנ גרימצאָרנ, — ביזוואנענ וועסטו זויגנ אונדזער דאמ־האטאמציס און אויסציִענ ווי א פּיאווקע דאָס בלוט בא דײַנע ברידער? אלצ האָט דאָכ א גרענעצ, און אפ יעדער זאכ איז דאָ א צײַט! א קרענעצע הערט דאָכ אויכ אופ צו געבנ וואסער, אז מע שעפּט פונ איר צופיל! גיי, גיי דיר געזונטערהייט, און לאָמיכ דײַנ פּאָנעם מער ניט אָנקוקנ!



און יאנקל האָט א דריי געטאָנ מיט זײַנ לאנגער נאָז און אָנ ווערטער ארויס פונ רעב שאבסעס הויז, און זײַנ צאָרנ האָט זיכ אינ אימ צעפלאקערט.

— וואָס פאר א אינטערעס איז דיר צו קריגנ זיכ מיט יעדנ איינעמ, — האָט דווירע א זאָג געטאָנ צו איר מאנ רעב שאבסענ — ס׳איז דאָכ יאנקל!...

— וואָס האָב איכ מוירע פאר אימ, — האָט רעב שאבסע מיט גאדלעס אָפּגעענטפערט דעמ ווײַב, — נאדנ פאר די מעכטער מײַנע האָב איכ דאָכ שוינ, כאסענע־הויצאָעס פארמאָג איכ, פערל און בריליאנטנ פונדײַנעטוועגנ האָב איכ אָנגעגרייט, וואָס־זשע האָב איכ זיכ צו שרעקנ פאר עמעצנ? עפשער וועט ער מיכ מאסערנ, אז איכ האלט אנ אכסאניע? — זאָל דאָס זײַנ פאר מיר די קאפּאָרע! לאָמיכ נאָר כאסענע מאכנ די טעכטער... נאָכ שוועס אימירצעשעמ, — וועל איכ א שפּײַ טאָנ מיט א פול מויל אפ יאנקלענ, אפ דער אכסאניע און אפ דער גאנצער שטאָט, קומענ זאָל אפ איר א פײַער, און א שרעק, און א גרוב, און א צאָרע!..

אוי — ווײ! נאָכ אסאכ כאָשעווע מענטשנ, אזוינע ווי רעב שאבסע, האָבנ זיכ געגרייט אָנשפּײַענ מיט א פולנ מויל אפ דער שטאָט, איר ראש, איר טומל און איר מיסכער מיט אלעמענ און ארויסציִענ זיכ פונ איר אינ דער גרויסער וועלט ארײַנ. ס׳איז זיי נימעס געוואָרנ די דאָזיקע שטאָט!.. און אָט, ס׳האָט ניט געדויערט קיינ סאכ טעג, און אפדערנאכט ערעוו שוועס איז געוואָרנ א גרויס גוואלד בא רעב שאבסענ אפ דער סטאנציע — א מעהומע און א טומל און א שטראָפּ־פּאָליציע! באוואָפנטע סאָלדאטנ! דונערנ און בליצנ, מענטשנ לויפנ פונ אלע פיר עקנ שטאָט. וואָס איז? וואָס איז געשענ?

* * *

אינמיטנ טומל און ראש זײַנענ די ביידע גאבאָים מיט דער פרוי אנטרונענ געוואָרנ, און קיינער האָט ניט געוווסט, וווהינ

זײַנען זיי אהינגעקומען, און נאָך זיך האָבן זיי איבערגעלאָזט
אַפּ אַן אָנדענק אַ פּאָר צעריסענע הויזן, אַן ארבעקאַנפּעס און
נאָך אַ פּאָר צעריסענע זאכן, און צווישן זיי אויך דעם גאָל־
דענעם שליסל. אין יענער נאכט האָבן שאַבּסע באַל־אכסאַניע
מיט נאָך עטלעכע פון די כאָשעווע לײַט אין שטאָט גענעכטיקט
אין טורמע, דאָרט, אינעם קאַלטן, ענגן צימער, ווו מע גיט
נאכטלעגער אומזיסט, אָן געלט... און אַפּ מאָרגן זײַנען זיי
ארויס פרײַ, ווײַל ס'איז געפונען געוואָרן, אַז זיי זײַנען ריין
פון יעדער פאַרברעכן, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אויס־
פאָרשונג. און אָט וואָס דער סליעדאָוואטעל האָט פאַרצייכנט
בא זיך אין בוך: „א) די פרוי מיט אירע צוויי גאבאָיִם —
ווייסט מען ניט ווער זײַנען זיי, ווי הייסן זיי, וואָס איז זייער
געשעפט, פונוואַנען זײַנען זיי געקומען און וווהין זײַנען זיי
אוועק; ב) דער גאָלדענער שליסל — נאָך פיל פאָרשן און אויס־
פרעגן, איז מען געווירע געוואָרן, אַז ער איז געמאכט גע־
וואָרן דאָ אין מאַזעפּעווקע פאַר פייטעך נאָך באַם שלאָסער
„רעב צאָדעק דער רויטער", ווען מע האָט געזאָגט, אַז
דעם גילדענעם שליסל דאַרף מען האָבן פאַר אַן אָרן־קוי־
דעש אין אַ שטאָט אין ערעצ־יִיסראָעל; ג) די דאָזיקע לײַט,
דאָס הייסט, די פרוי און אירע צוויי גאבאָיִם די מאָשעניקעס,
האָבן אויסגענארט בא ייִדן זייער אסאך געלט, אויסגעלייזיקט
מאַזעפּעווקע און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ פולע שטאָט מיט
נארישע בעק, טיפּשים, וואָס גלייבן אלצדינג, פול מיט רויגעז,
מיט ליידיקע בײַטלען, געוואָרן צו לײַטיש געלעכטער, צו שפּאַס
און כויזעק. אָט דאָס פאָלק, וואָס אַלע זײַנען זיי מאָ־
שעניקעס, זין פון מאָשעניקעס, דורכגעטריבענע און כיטרע,
וואָס ניטאָ זייער גלײַכן" — און די איבעריקע ווערטער פונעם
סליעדאָוואטעל — זיי זײַנען געשריבן, געשטעמפּלט און צונויפ־
געבונדן אין מאַזעפּעווקער ארכיוו און וואַרטן אַפּ די קומענ־
דיקע אלטערטום־פאָרשער.

# דאָן־קישאָט פון מאַזעפּעווקע און זײַן כאַווער סימכע־פּינכעס

די געשיכטע פון זייער ווײַטער נעסיִע, פון אלץ, וואָס זיי האָבן געזען אין גע־
הערט, געטאָן און אָפּגעטאָן, און אלע צאָרעס, וואָס מיט זיי האָט געטראָפן
אין וועג.

גענאמלט און איבערגעגעבן צום דרוק דורך שאָלעם־אליכעם.

## דאָס ערשטע קאַפּיטל.

### די ערשטע פּלייטע.

די אײַנוווינער פון מאַזעפּעווקע, אַ שטאָט אינעם ייִדישן
טכום, פלעגן אָפּהיטן בא זיך אליין דעם בעפּיירעשן דין: „קיי־
נער זאָל ניט ארויסגיין פון זײַן אָרט", ווי אין
פּאָסעק שטייט געשריבן. אין מאַזעפּעווקע האָבן זייערע עלטערן
געוווינט פון אייביק אָן, דאָרט זײַנען זיי געבוירן געוואָרן און
קינדער געהאט, דאָרט איז די גאנצע עו־ד געווען פאַר זיי באַם
לעבן, און די טויערן פונעם הימל — פאַר דער דערהויבונג פון
זייערע נעשאָמעס נאָכן טויט. מאַזעפּעווקע דאָס איז אַ הויפן
מיסט, און אירע אײַנוווינער — אַ געזעמל ווערעם, וואָס פויזען
און פאָרפלען זיך אינעם הויפן און זוכן דאָרט זייער כאיונע.
אזוי פלעגן פאַרגיין זייערע טעג אינעם צוזאמענוווינונג פון